Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 56/1656	Łódź, Sroda 6 marca 1929 r.	זיבעטער יאהרגאנג	לאדז מיטוואך כד אדר א׳ תרפ״ט	Nr 56 1656

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

דעבאטע וועגן די מינדערהייטן אין גענף איז אונערוואַרטעט אפגעלעגט געווארען

ג ע נ ף, 5. (אטע) דער סעקרעטאריאט פון פעלקער־בונד האט היינט מיטאג־צייט געמאלדען, אז די גרויסע דעבאטע וועגן דער מינדערהייטען־פראגע, וועלכע האט געזאלט היינט נאכמיטאג פארקומען, איז אפגעלעגט געווארען. מ׳רעכענט, אז די סיבה דערפון איז, וואס די אויסערן־מיניסטארען האבען זיך נאך וועגען דער פראגע נישט פערשטענדיגט.

ב ע ר ל י ן, 5. (אטע) פאר די פאליטישע קרייזען איז געווען אונערוואַרט, וואס די דעבאטע וועגען דער מינדערהייט־פראגע איז פלוצים אפגעלעגט געווארען. „בערל. טאגעבלאט" האלט, אז די דעבאטע איז אפגעלעגט געווארען צוליב דעם, וואס דער ראט וויל פריהער בעטראכטען די ליטווישע בקשה צוצולאזען ליטע צו די בעראטונגען אויף דער איצטיגער סעסיע. די בקשה פון ליטע האט אבער נישט קיין אויסזיכטען בעפרידיגט צו ווערען.

ג ע נ ף, 5. (אטע) די גענעראל־דעבאטע איבער דער מינדערהייטען־פראגע וועט זיך אנהויבען אויף דער מיטוואכדיגער זיצונג פון ראט. אלס רעפערענט פאר דער פראגע איז בעשטימט דער רעלענאט פון יאפאן אדאצי.

ג ע נ ף, 5. (ספ. טעל.) בריאן האט היינט אפּגעהאלטען קאנפערענצען מיט מיג. זאלעסקי׳ן, טרטולעסקי׳ן און טשעמבערלען׳ען, נאכמיטאג האט ער זיך געטראפען מיט שטרעזעמאן׳ען, און די אלע געשפרעכען איז ארומגערעדט געווארען די פראגע פון די מינדערהייטען.

נ ע נ ף, 5. (אטע, טעל־אוניאן) די לעזונג פון דער מינדערהייטען־פראגע שטעלט מען זיך פאר אויף דער פראנצויזיש־פוילישער זייט אויף דעם אופן, אז ס׳זאל צוזאמענגעשטעלט ווערען א קאמיסיע פון 3", פון דרום־אמעריקאנישע און אזיאטישע ראט־מיטגלידער, פראקטיש וואלט דאס בעדייט, אז דער ענין זאל בלייבען ביי זיין אלטען מצב, ראגענגען פארערט די דייטשע און קאנאדישע רעלעגאציע, עס זאל בעשטימט ווערען אנ׳עקספערטען־קאמיסיע, וועלכע זאל ביז צו דער סעפטעמבער־סעסיע פון פעלקער־בונד אויסארבייטען א גרונדליכען פלאן פון רעגולירען די גאראנטיעס פאר די רעכט פון די מינדערהייטען און פון דעם אופן, ווי אזוי זיי זאלען זיך קאנען ווענדען אין פעלקער־בונד מיט זייערע אנקלאגעס.

די נעכטיגע זיצונג פון סענאט

וו א ר ש א, 5 (טעלעפאניש פון אונזער סיים־קארעספאנדענט) דער סענאט איז אויף דער נעכטיגער זיצונג צוגעטרעטען צו דער דעבאטע איבער׳ן בודזשעט.

רעפערירט דעם בודזשעט האט סענ. שארסקי (איינסעל), וועלכער האלט, אז די ווירטשאפטליכע לאגע אין לאנד האט זיך שטארק פערבעסערט און קיין גרונד פאר פעסימיזם איז נישטא.

אין דעם זעלבען זין האט אין דער דעבאטע גערעדט דער איינסעל־סענאטאר ראמאן.

סענ. טראיאק (אוקר.) בעריהרט די פראגע וועגען דעם קאנסטיטוציע פראיעקט פון „איינסעל" און זאגט: מיר האבען איבערגעלעבט די פאציפיקאציע, מיר וועלען איבערלעבען אויך די קאנסטיטוציע.

סענ. גלאמבינסקי (נ.ד.) בעקלאגט זיך אויפ׳ן שטייערן־סיסטעם.

סענ. קערנער (יוד. קאלא) ווייזט אן, אז די שטייערן לאסט פאלט הויפטזעכליך אויף די יודען, דאגעגען בעקומען די יודען פון בודזשעט כמעט גארנישט. ער האלט, אז מ׳דארף ארגאניזירען אנ׳אינסטיטוט צו קעמפען געגען שווינדעל, דערמאנט דעם אויסדרוק פון געוו. מיניסטער שיקארסקי (איצט פראפעסאר), וועלכער האט געזאגט, אז די רעגירונג בעשטעהט פון מלאכים, אויב זי טאלערירט די ברודיגע יודען.

דערויף איז די דעבאטע איבערגעריסען געווארען.

יודישע שולען דארפען בעקומען רעכט
א בריף פון סענאט־מארשאלעק צום בילדונגס־מיניסטער

וו א ר ש א, 5 (טעלעפאניש פון אינזער קארעספאנדענט) דער מארשאלעק פון סענאט, פראפ. שימאנסקי האט צוגעשיקט צום בילדונגס מיניסטער שוויטאלסקי א בריף, אין וועלכען ער שרייבט, אז לויט דער איינלאדונג פון סענאטאר ד״ר שאבאד און חברים האט ער בעזוכט די ווילנער רעאל־גימנאזיע, מיט דער יודישער אונטעריכט־שפראך. ער האט זיך דארט איבערצייגט, אז דער אופן פון לערנען אין דער גימנאזיע, האט די טענדענץ צו ברענגען צו א פויליש־יודישער דערנעהנטערונג. די פוילישע ליטעראטור ווערט געלערנט מיט דער געהעריגער פיעטעט, צו די גרויסע פוילישע דיכטער. זיי ווילען, שרייבט מארש. שימאנסקי, פאר זייערע שולען די זעלבע רעכט, וואס די פאלאקען פאדערען פאר די פוילישע שולען אין דייטשלאנד. איך האלט, אז זיי זענען גערעכט און אונטערשטיץ זייער בקשה.

נאך וועגן די מיסברויכען אין דער ארמעי
א בריף צום סיים־מארשאלעק

די נעכטיגע „גאזעטא ווארשאווסקא" ברענגט א בריף פון גלח גאדלעווסקי צום סיים־מארשאלעק. אין דעם בריף דערצעהלט גלח גאדלעווסקי, אז אין יאהר 1920, בעת׳ן קריג מיט די סאוויעטען, האט ער פארגעווארפען דער אויבער־קאמאנדא, אז עס ווערען געמאכט גרויסע געלד־מיסברויכען אין פוילישען מיליטער, אז די מיסברויכען דערגרייכען ביז 3 מיליאן מארק א חודש. געג. ווראטשינסקי, וועלכער האט דעם ענין אויסגעפארשט, האט פעסטגעשטעלט, אז די מיסברויכען האבען בלויז אין חודש יולי דערגרייכט די סומע פון 17 מיליאן מארק. דער איצטיגער סיים־מארשאלעק האט לכתחילה געפאדערט מ׳זאל גאדלעווסקי׳ן שטעלען פאר א פעלד געריכט, אבער ווען די מיסברויכען זענען בעשטעטיגט געווארען, האט מען דעם בעשולדיגער געלאזט צו רוה. גאדלעווסקי פרעגט אלזא, מיט וואס האט זיך דעמאלט די זאך פערענדיגט.

ציטירענדיג דעם דאזיגען בריף, בעמערקט דער „פשעגלאנד וויעטשארני". אז מיט זיי פינאנצען פון דער ארמעי האבען דעמאלט פערוואלטעט די גענעראלען האלער און ראזוואדאווסקי.

וו א ר ש א, 5 (טעלעפאניש) אין צוזאמענהאנג מיט׳ן בריף פון גען. שעפטיצקי צו אלע געוו. קריגס־מיניסטארען, זיי זאלען געמיינזאם פאדערען דאס מארשאל פילסודסקי זאל אנרופען די נעמען פון די געוועזענע קריגס־מיניסטארען, וועלכע ער האט פארגעווארפען, אז זיי האבען גע׳גנב׳עט און איינגעארדענט אין עפענטליכע הייזער בעלער פאר דעפוטאטען פון די ביודזשעט־געלדער—ווייזט מען אן אין די סיים־ספערען, אז ארויסטרעטען געריכטליך וועגען דעם ענין קאנען בלויז די געוו. מיניסטארען די געג. שעפטיצקי און זשעליגאווסקי, וועלכע זענען איצט אויף עמעריטור, דאגעגען די געוועזענע קריגס־מיניסטארען די געג. סיקארסקי, סאסנקאווסקי און אנדערע געפינען זיך נאך אין דער ארמעע, און ווען זיי וואלטען געוואלט אננעהמען א וועלכע ס׳איז שריט אין דער הינזיכט—וואלטען זיי וועגען דעם זיך געמוזט שטעלען צום ראפארט ביי זייער קאמאנדיר דעם קריגס־מיניסטער מארשאל פילסודסקי. און געג. סיקארסקי, למשל, וועט דאס נישט טון,

גרויסער אויפשטאנד אין מעקסיקא
ברענגט צו אנ׳ערנסטען קאנפליקט מיט די פעראייניגטע שטאטען

וו א ש י נ ג ט א ן, 5׳ (ספ. טעל.) נישט קוקענדיג אויף דער שטרענגער צענזור, וועלכע איז איינגעפיהרט דורך דער מעקסיקאנער רעגירונג, קומען דאך אן ידיעות, וועלכע זאגען ערות, אז די סיטואציע אין מעקסיקא איז זעהר אנ׳ערנסטע.

די אויפשטענדיגע בעזיצען א בעדייטענדע קראפט און האבען שוין בעוויזען צו פערנעהמען 10 שטאטען מיט 5 מיליאן מענשען. דאס מיליטער פון די אויפשטענדיגע בעפינט זיך אין דער ריכטונג פון דער הויפטשטאט, עטליכע אינדיאנער שבטים זענען צוגעשטאנען צו די אויפשטענדיגע, כדי צו געווינען די גייסטליכקייט האט דער אנפיהרער פון די אויפשטענדיגע צוגעזאגט צו עפענען די פערמאכטע קירכען.

פון טעקסאס איז מען מודיע, אז די אויפשטענדיגע האבען גענומען אין געפאנגענשאפט דעם פרעזידענט פארטעז גילא און דעם געוו. פרעזידענט קאנעס כדי צו געווינען די סימפאטיעס פון די פעראייניגטע שטאטען, זאגען צו די אויפשטענדיגע, אז זיי וועלען אפהיטען די אמעריקאנער אינטערעסען אין מעקסיקא. דאך דראהט א קאנפליקט מיט די פעראייניגטע שטאטען, און מ׳רעכענט, אז די נייע אמעריקאנער רעגירונג וועט איינגיכען אננעהמען ענערגישע שריט.

דאנציגער פארט פריי פון אייז.

ד א נ צ י ג, 5. (אטע) דער דאנציגער פארט איז היינט בעפרייט געווארען פון די גרויסע אייזבערג, וואס האט פערשטעלט דעם צוטריט. דער ראט פון פארט האט אויף דער ביטע פון דער פוילישער מאכט געשיקט אנ׳אייזברעכער קיין גדיניע, כדי דארט צו בעפרייען די איינגעפרוירענע שוועדישע קוילען־שיפען.

א גרושה,

40 יאהר אלט, קינדערלאז, א טיכטיגע סוחר׳טע, בעזיצט אנ׳איינען געשעפט מיט א וואוינונג, וועלכעס עקזיסטירט 15 יאהר, ווי אויך אנדער פערמעגען, זוכט אויף בעקאנטשאפט מיט א געוויסענהאפטען ארענטליכען מענש אין די זעלבע עלטער, אהן קינדער, צוועק חתונה. — אפערטען אין אדמ. פון דער צייטונג אונטער „L. K."

שדכנים ב״ואונשען. 4739

האנדווערקער = פעראיין, אגראדאווא 9.

היינט, מיטוואך, דעם 6. מערץ ה. י. קומען פאר

פאך-פערזאמלונגען פון:

8 אווענד — פריזיער, מיטגלידער און נישט־מיטגלידער!
ט.־א. „צי דארפען מיר שאפען א צעך?"

7 א׳וענד — שטעפער.
ט.־א. בעריכט פון מאגיסטראט, פאך־אקציע.

7 אווענד — הויזען-שניידער.
ט.־א. וועגען א פאך־אקציע.

קומט פינקטליך! די פערוואלטונג.

4746

אײַלט צום גליק

און קומט קויפען א גליקליכען לאס נאר ביי דער לאנגיעהריגער בעוו. גליקליכער קאלעקטור

פון י. ה. ליטמאן פיעטריקאווער 32
— (רוג צעגעלניאנא) —

ביי מיר איז געפאלען דאס גרעסטע געווינס פרעמיע פון 300.000 זל., 3 מאל צו 50.000 זל., 2 מאל צו 25.000 זל. און צו 15.000. 3 מאל צו 10.000 זל. און פיל קלענערע געווינסען.

די ציהונג פון 5־טען קלאס הויבט זיך אן היינט, מיטוואך, דעם 6־טען מערץ און דויערט ביז׳ן 16 אפריל. בעשטעלונגען צו דער ערשטער קלאס ווערען שוין אנגענומען.

פראווינצער קענען איינצאהלען אהן פארטא אין פ. ק. א. אונטער׳ן נומער 63802.

מיט אכטונג י. ה. ליטמאן לאדז, פיעטריקאווער 32, טעל. 44-72.

היימלאזע יודען פון בעסאראביע
זאלען קאלאניזירט ווערען אין דרום=פראנקרייך

פ אַ ר י ז, (י.ט.א.) דער „הילפס-קאָמיטעט פון די יודישע אימיגראַנטען" אין פאַריז האָט אויף זיין לעצטער זיצונג בעטראַכט די מעגליכקייטען צו בעשעפטיגען אַ גרעסערע צאָהל יודישע היימלאָזע פון בעסאַראַביען אַלס לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטער אין דרום-פראַנקרייך.

ווי מען טיילט מיט, זענען „דזשאָינט" און „יקא" גרייט צו שטיצען די דאָזיגע פּראָיעקטען.

סענסאַציאָנעלער דאָקומענט
האָלאַנד האָט געהאָלפען דייטשלאַנד אין דער צייט פון קריג

„עקאָ דע-פאַרי" פערעפענטליכט אַ סענסאַציאָנעלען דאָקומענט, וועלכער בעווייזט, אַז האָלאַנד האָט אָפּגעגעבען אין 1918 צו דיספּאָזיציע פון דייטשלאַנד איהרע אייזענבאַהנען אויף איבערצופיהרען מיליטער.

דער דאָקומענט איז אָפּגעדרוקט אין 90 עקזעמפּליאַרען און ענטהאַלט פאָלגענדען אויפשריפט: „דאָס קייזערליכע הויפט-קוואַרטיר, ד. 5. יוני 1918, וועגען אויסנוצען די האָלענדישע אייזענבאַהנען. שטרענג פערטרוילּיך. די שעפען פון די שטאַבען זענען פערזענליך פעראַנטוואָרטליך פאַר אָפּהיטען דעם דאָזיגען דאָקומענט".

אָפּגעברענט דער פּאַלאַץ פון פירשט טשאַרטאָריסקי

ל ע מ ב ע ר ג, 5 (א.וו.) אין זשיראַוונאַ איז פערברענט געוואָרען דער פּאַלאַץ פון פירשט קאַזשמיעזש טשאַרטאָריסקי. דאָס פייער האָט שנעל אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצען בנין און מיט גרויס שוועריגקייטען איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען אַ טייל פונ'ם מעבעל און פון די חפצים. ס'איז געלונגען אָפּצוראַטעווען די ביבליאָטעק. די רעטונגס-אַקציע איז געשטערט געוואָרען דורכ'ן 20-גראַדיגען פראָסט און פעהלען פון וואַסער, וועלכעס מ'האָט געדאַרפט ברענגען פון דערווייטענס.

פערפייניגט אַ יודישען אַרבייטער

ר י ג א, 5 (אַטע) פון כאַרקאָוו טיילט מען מיט, אַז עטליכע אַרבייטער פון דער מיכאַילאָווער צוקער-פאַבריק האָבען אויף אַנ'אַכזר'ישען אופן געפייניגט דעם יודישען אַרבייטער דוואָסקין און האָבען איהם אַרויפגעוואָרפען אויף דער אייזענבאַהן-ליניע, ווען ס'איז אָנגעקומען דער צוג.

דער פאַבריקס-דירעקטאָר קעניגמאַן, וועלכער האָט אין דער לעצטער מינוט געראַטעוועט דוואָסקינען, איז דורך די אַרבייטער שטאַרק דערפאַר צושלאָגען געוואָרען.

טראָצקי'ס האָנאָראַר
4 טויז. דאָלאַר פאַר אַנ'אַרטיקעל

פ ר אָ ג, 5 (ספּ.טעל.) דער קאָרעספּאָנדענט פון דער פּראָגער „אוניאָן-אַבענבּור" טיילט מיט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַז טראָצקי האָט פון די טשעכישע צייטונגען דערהאַלטען 4 טויזענט דאָלאַר האָנאָראַר פאַר זיין בריף, אין וועלכען ער האָט איבערגעגעבען די איינצעלהייטען פון זיין גירוש.

אַרעסטירט דעם אָנפיהרער
פון די נאַציאָנאַליסטען אין אינדיען.

ק אַ ל ק ו ט אַ, 5 (ספּ.טעל.) צוזאַמען מיט אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע אָנפיהרער איז אַרעסטירט געוואָרען מאַהאַטמאַ גהאַנדי אונטער דעם חשד, אַז ער האָט אַנטיילגענומען אין די אונרוהען, בעת וועלכע עס זענען אונטערגעצונדען געוואָרען די אַרטיקלען, וואָס זענען געקומען פון אויסלאַנד.

ווי בעקאַנט, איז גהאַנדי דער אָנפיהרער פון דער נאַציאָנאַליסטישער בעוועגונג אין אינדיען, וועלכע האָט זיך צ.א. געשטעלט פאַר אַ ציל צו באָיקאָטירען די סחורות, וואָס קומען פון אויסלאַנד'.

יודיש-אַראַבישע בעציהונגען
דעלעגאַציע ביים הויך=קאָמיסאַר פון איראַק

י ר ו ש ל י ם, 5 (י.ט.א. טעלעגראַפיש). צו סער זשילבערט קלייטאָן, דעם נציב-העליון פון איראַק האָט זיך געווענדעט אַ דעלעגאַציע פון ועד-לאומי, וועלכע האָט אויסגעדרוקט די האָפנונג, אַז דער הויך-קאָמיסאַר זשילבערט קלייטאָן וועט זיך בעמיהען צו פערבעסערען די בעציהונגען צווישען די יודען און אַראַבער.

י ר ו ש ל י ם, (י.ט.א.) דער ניי-בעשטימטער הויך-קאָמיסאַר פון איראַק, סער זשילבערט קלייטאָן, וועלכער ווייַלט איצט אין ארץ-ישראל, האָט אין אַ געשפּרעך מיט פרעסע-פאָרשטעהער ערקלערט, אַז זיין טעטיגקייט אַלס הויך-קאָמיסאַר וועט זיין געווידמעט לטובת איראַק און ענגלאַנד און ער גלויבט, אַז די אינטערעסען פון דיביידע לענדער פאַלען זיך צונויף.

אַריבערגעהענדיג צו דער לאַגע אויפ'ן נאָהענטען מזרח האָט סער קלייטאָן ערקלערט, דאָס דער קעניג איבן סאַוד שטרעבט צו שלום, ער האָט אָבער נישט די מעגליכקייט אָנצוהאַלטען זיינע ווילדע שבטים.

וואַרבורג וועגען א"י.

נ י ו - י אָ ר ק, 5 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דאָ איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד פעליקס וואַרבורג פאַר זיין אָפּפאָהרען קיין ארץ ישראל. אין זיין רעדע האָט פראָפ. וואַרבורג שטאַרק אָנגעגריפען די רעפאָרם יודען, וועלכע האַלטען זיך פאַר היפער-אַמעריקאַנער און ווייזען נישט אַרויס קיין שום אינטערעס פאַר ארץ ישראל.

וואַרבורג האָט געענדיגט זיין רעדע דערמיט, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פיל מצהר בעקומען פון ארץ-ישראל, ווי ער האָט געגעבען און וויפיל ער וויל נאָך געבען.

יודישע פרוי גערודפט פון כוליגאַנעס
47 מאָל זיך בעקלאָגט אין געריכט

מ אָ ס ק ווי ע, (יט"א) די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" ברענגט אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען וועגען שרעקליכע רדיפות געגען אַ יודישער נייטאָרין אין קיעוו, וועלכע האָט געבראַכט איהר קלאַגע אין געריכט 47 מאָל, אָבער אַלע מאָל אָהן רעזולטאַטען.

די יודישע נייטאָרין, טוראָווסקאַיאַ האָט געוואוינט אויף דער כאַרעוווער גאַס נומער 7 אין קיעוו. מיט פיר יאָהר צוריק האָבען זיך אַריינגעצויגען אין וועלכען הויז די קאָמוניסטען גלאַזונאָוו, פּיאַטיגאָראָוו, און באָנאַטאָוו, אין ניבען האָט מען זיי אויסגעוועהלט אין קאָמיטעט, וואָס פערוואַלטעט מיט'ן הויז. די דאָזיגע קאָמוניסטען האָבען זיך אָבער אַרויסגעוויזען אַלס פּשוטע אויסוואורפען. אַזוי ווי ביי טוראָווסקען איז געווען אַ בעקוועמע דירה, האָבען זיי איהר פאָרגעלעגט צו עפענען ביי איהר אין וואוינונג אַ „פרעהליך הייזעל". דערפאַר האָבען זיי איהר צוגעזאָגט צו בעזוכען. ווען טוראָווסקאַיאַ האָט זיך ענטזאַגט פון דעם שמוציגען פאָרשלאַג, האָבען די קאָמוניסטישע כוליגאַנעס אָנגעהויבען זי צו פערפאָלגען. מען האָט זי בעשולדיגט אין אַלערליי פערברעכענס און געשלעפט אין געריכט. איין ריכטער האָט צוגעפּסקנט דער יודישער נייטאָרין אַנ'עקסמיסיע פון איהר דירה אַלס „נישט-אַרבייטענדי-געןי" עלעמענט „נישט-קוקענדיג, וואָס זי האָט געבראַכט בעווייזען, אַז זי פערדינט אויף חיונה מיט איהרע אייגענע הענד און אַרבייט זעהר שווער. ווען זי האָט אַפּעלירט אין אַ צווייטען געריכט האָט מען איהר ערלויבט צו בלייבען אין דער דירה. ביי איהר אין דער דירה האָט געוואוינט אַנ'אַלטער מאַן פון 66 יאָהר. די קאָמוניסטען האָבען אויסגעווירקט, אַז מען זאָל דעם זקן בעזייטיגען און זיין פּלאַץ אָפּגעבען אַ צווייטען.

דער נייער לאָקאַטאָר אַרשיניקאָוו האָט זיך אַריינגעצויגען אין טוראָווסקעס דירה בעת זי איז נישט געווען אין דער היים.

ווען זי האָט זיך אומגעקעהרט, האָט איהר אַרשיניקאָוו בעגעגענט מיט אַ רעוואָלווער און געהייסען אָפּטראָגען זיך.

טוראָווסקאַיאַ האָט זיך געווענדעט צום פּראָקוראָר. מען האָט די קאָמוניסטען און אַרשיניקאָוו'ן צוגעצויגען צום געריכט. דער אורטייל איז געווען אַז אַרשיניקאָוו דאַרף זיך אַרויסציהען פון טוראָווסקעס דירה. ראַן האָבען זיך אָנגעהויבען נייע רדיפות, אויף אַרשיניקאָווס פּלאַץ האָט מען אַריינגעזעצט אין טוראָווסקעס וואוינונג איינע פאַבערעזניקינא, אַנ'אייגענטימערין פון אַ שענק, און קאַרנאָוו'ן, אַ מיטגליד פון פערוואַלטונגס-קאָמיטעט פון הויז, די צוויי פערשוינען האָבען טוראָווסקען נישט געלאָזט ריהען. מען האָט איהר כסדר נאָכגעשריען „זשידאָווקא" און צוגעזאָגט, אַז מען וועט זי פערטרייבען אין קבר אַריין.

מען האָט זי כסדר געשלאָגען, און כדי זי זאָל נישט שרייען, פלעגט מען איהר פערשטופּען דאָס מויל מיט אַ שמוציגען טיכעל. אויף איהר בעט פלעגט מען צוגיסען שמוץ, אויף די טיר אָנשרייבען די ווערטער: „ד אָוואוינט אַ משוגענע פּראָסטיטוטקע".

טוראָווסקאַיאַ האָט זיך געווענדעט 47 מאָל אין פערשידענע געריכטען, אין דער מיליציע, צום פּראָקוראָר. זי איז קראַנק געוואָרען און נישט געקענט מעהר אַרבייטען ענדליך האָט מען זי אונגאַנצען אַרויסגעוואָרפען פון איהר אייגענער וואוינונג, און צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד איז איהר אויסגעקומען צו נעכטיגען ביי פערשידענע פריינד און בעקאַנטע.

נישט לאַנג צוריק האָט מען איהר געראַטען זי זאָל פאָהרען קיין מאָסקווע און ווענדען זיך צום צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. טוראָווסקאַיאַ איז געפאָהרען קיין מאָסקווע, און אין רעזולטאַט פון דעם איז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אַרויסגעפאָהרען קיין קיעוו די זאַך אויסצופאָרשען. אַלע אָנקלאַגעס פון טוראָווסקאַיאַ האָבען זיך בעשטעטיגט און דער ענין איז איבערגעגעבען געוואָרען אין געריכט צום אַכט-און-פערציגסטען מאָל.

דעם טיפסטען ביילייד דריק איך אויס מיין חבר נחמן ראָזענזאַפט צוליב'ן טויט פון זיין נישט פערגעסענער מוטער

נחמה נ"ע

המקום ינחם אותך בתוך שארי ציון וירושלים.

דוד קערש.

פּערפומעריע
הורט און דעטייל! הורט און דעטייל!
D. MARKUS, Piotrkowska 59, tel. 28-02
בעזיצט שטענדיג אויף לאַגער די בעסטע אויסאַרבייטונגען פון פאָלגענדע פירמעס:
Tow. Akc. FR. PULS — Tow. Akc. „CAZIMI"
Sp. z o. o. „ELIDA" — Tow. „SUNLAJT"
Tow. Akc. „FORNARINA" — COTTY i HUBIGANT i inni
אַלעס צו פאַבריקס-פּרייזען!
בעמערקונג: כ'נעהם אָן בעשטעלונגען טעלעפאָניש נומ' 02=28 און ס'ווערט זאָפאָרט אָבגעשיקט אַהיים.
„Jaśniej Słońca" — ווי אויך די בעוואוסטע מאַשטש צו פאָדלאָגעס
קיין שום אַגענטען בעשעפטיג איך נישט.

שבת דעם 9. מערץ, 10.30 אינדערפריה, קומט פאָר אין זאַל פון „אַררט" זאַכאָדניאַ 43
אַ פאָרלעזונג בערנאַרד זינגער
פון סיים-קאָרעספּאָנדענט פון „נ. פאָלקסבלאַט" דעם בעקאַנטען זשורנאַליסט
א. ד. ט.: „10 יאָהר פּוילישער פּאַרלאַמענט"
(פון וויטאָס'ן ביז סלאַוועק'ן).
טעזיסען: דער בעל-הבית ביי דער מאַכט. — די הויפּט-העלדען—וויטאָס—לוטאָסלאַווסקי—גלאָמבינסקי—טעאָדאָראָוויטש. — אַ רעגירונג ווערט געבוירען. — טעג און נעכט אין סיים. — אָבסטרוקציעס. — געשעפטסט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. — מען טראָגט אַרויס דעפּוטאַטען. — דער זעניט פון סיים. — די ערשטע קוילען אין געביידע. — דער אונטערגאַנג. — די נייע בעל-הבתים. — מאַיאָרען. — פאָלקאָוויקעס. — וויטאָס אין שאָטען — סלאַוועק. — יודישע קאָלאָ.
בילעטען שוין צו בעקומען אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט".

„נייער פאלקסבלאט"

די גזירה פון געהעכערטען דירה - געלד.

די קריטיק פון רעגירונג־פראָיעקט צו העכערען דאָס דירה־געלד, כדי צושאַפען דעם אויפבוי־פאָנד, געהט נאָך נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטען פון אַלע צייטונגען.

מיט עטליכע גרויסע אַרטיקלען וועגען דעם נייעם פראָיעקט איז אַרויסגעטרעטען דער פּרעזעס פון צענטראַלען לאָקאַטאָרען־פעראיין, ד״ר בוטשינסקי.

ד״ר בוטשינסקי ווייזט אָן, אַז לויט'ן פּראָיעקט דאַרף 25 פּראָצענט פון נייעם שטייער פערווענדעט ווערען אַלס „פּראָוויזיע" פאַר די הויזבעזיצער. פון דער דאָזיגער פּראָוויזיע דאַרף 15 פּראָצענט פערווענדעט ווערען אויף נויטיגען רעמאָנט.

זעלבסטפערשטענדליך קען מען נישט פערווערען דעם הויז־בעזיצער צו פערווענדען מעהר ווי 15 פּראָצענט אויף דע ס'רעמאָנט. מ'פערגעסט אָבער, אַז די הייזער מיט 1 און 2־צימערדיגע וואוינונגען פאַלען שוין לאַנג איין, און נאָר אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון די לאָקאַטאָרען, האָט מען די דאָזיגע הייזער, ווי עס איז אויפגעהאַלטען.

און די דאָזיגע הייזער וועט נישט סטייען אפילו די גאַנצע העכערונג פון דירה־געלד אויף אַרורכפיהרען דעם רעמאָנט.

דאָס אָננעהמען דעם דאָזיגען פּראָיעקט וואָלט געהאַט העכסט קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגען.

ווי בעוואוסט, זאָלען לויט'ן פּראָיעקט אַלע האַנדעלס־ און אינדוסטריעלע לאָקאַלען, אַזוי גוט ווי מאַגאַזינען, שפּייז־געוועלבער, פאַבריקען, שוסטערייען אָדער שניידערייען, צאָהלען דעם העכסטען שטייער — דאָס הייסט, יעדען קוואַרטאַל מיט צעהן פּראָצענט טייערער.

פון וועמענס קעשענע וועלען זיי דאָס בעצאָהלען?

זעלבסטפערשטענדליך פון דער קעשענע פון די קאָנסומענטען.

פון דעם קען מען שוין פון פריהער אויס זאָגען, אַז נישט־קוקענדיג אויף אַנדערע ווירטשאַפטליכע קאָניונקטורען, וועט דער יקרות שטאַרק וואַקסען — דער יקרות, נישט בלויז אויף לעבענסמיטעל אַרטיקלען, נאָר אויך אויף בוי־אַרטיקלען און אַרבייטס־הענד. פון דאַנען איז אויך נעדרונגען, אַז ס'וועלען שטאַרק שטייגען די קאָסטען פון דער פּראָיעקטירטער אויסבויאונג פון די שטעט.

בעצאָהלען פאַר דעם אַלעם מוז דער קאָנסומענט, וועלכער טראָגט שוין אויף זיך אַזוי אַ'יך נענוג שטייערען. דער לאָקאַטאָר וועט אַלזאָ, בעצאָהלען אויך דעם דירות־שטייער, וועלכער איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויפ'ן האַנדעל־ און אינדוסטריע.

ס'איז אינטערעסאַנט, פון וואַנען וועט מען דערויף נעהמען געלד?

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ווייניג.

צוליב דעם, וואָס דער נייער שטייער זאָל זיין בעהאַלטען אונטער דעם מאַנטעל פון העכערען דאָס דירה־געלד, דעריבער וואָלט די עקזעקוטיוו פון איינמאָהנען דעם שטייער, געווען אַזאַ, וואָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרען אין דער מענשליכער געשיכטע. דאָס נישט־איינצאָהלען דעם שטייער אין פערלויף פון איין קוואַרטאַל, וואָלט געהייסען דאָס־זעלבע, וואָס נישט בעצאָהלען דירה־געלד, און וואָלט נעבראָכט מיט אַרויסוואַרפען אין גאַס דעם נאָכלעסיגען צאָהלער.

מ'וואָלט דעריבער שוין איצט נעדאַרפט אָנהויבען בויען נישט קיין הייזער, נאָר באַראַקען פאַר היימלאָזע אַרבייטער און אינטעליגענץ. ס'מאַכט דעם איינדרוק, אַז צו דעם צוועק וואָלט אויסגעפעהלט פאַנדען, ווייל אפילו דער גאַנצער נייער שטייער וואָלט אויסשליסליך בענוצט געוואָרען אויף בויען באַראַקען. און מ'דאַרף זיך דאָך רעכענען דערמיט, אַז די היינטיגע צייטען פון דער נשוואַלדיגער וואוינונגס־נויט איז אַנ'עקסמיסיע גלייך צו אַנ'אונגעהויערען אומגליק. דאָס הייסט נישט נאָר עמיצען צונעהמען דעם דאַך איבער'ן קאָפּ, נאָר גאַנץ אָפט גלייכצייטיג צונעהמען ביי איהם די מעגליכקייט צו פערדינען.

אונזער געזעלשאַפט איז צו אָרים, אַז אין פערלויף פון עטליכע יאָהר זאָל מען קענען פון איהר אויסקוועטשען אַ קאַפּיטאַל, וועלכער איז נויטיג צו אַ בעדייטענדער בוי־אַקציע. יעדענפאַלס קען זיך די דאָזיגע אַקציע נישט שטיצען אויסשליסליך אויף דער שטעטישער בעפעלקערונג.

ג. וו.

ארץ-ישראל די 7-טע דאמיני פון בריטישען רייך

(ספּעציעל פאַר'ן „נייעם פאָלקסבלאַט")

די גאַנצע יודישע וועלט קלינגט לעצטענס מיט דעם גראַנדיעזען פּלאַן פון קאָלאָנעל וועדזשוואוד צו מאַכען ארץ־ישראל אויף שטענדיג אַ מיטגליד פון דעם בריטישען רייך. וואָס ליגט איינענטליך אין דעם געדאַנק פון קאָלאָנעל וועדזשוואוד און ווי דאַרף זיין די בעציהונג פון כלל־ישראל, אין ענגלאַנד גופא, און אויך אויסערהאַלב ענגלאַנד צו דעם ענין. איידער מיר קומען איבער צום עצם אינטערוויו איז נויטיג צו געבען אַ קליינע הקדמה.

ווי בעקאַנט בעשטעהט דאָס בריטישע רייך ביים איצטיגען טאָג פון זעקס דאָמיניעס און אַ צאָהל קרוין־קאָלאָניעס. די דאָמיניעס זענען: דרום אַפריקע, אויסטראַליען, ניי־זעלאַנד, ניי־פאונדלאַנד, קאַנאַדאַ און דער איירישער פרייסטאַט. יעדערע פון די דאָמיניעס ווערט אין אַלע אינערליכע ענינים פערוואַלטעט דורך דער בעפעלקערונג פון לאַנד. ס'רוב אין פאָרם פון אַ פּאַרלאַמענט, און ענגלאַנד — דאָס מוטער־לאַנד — האָט איבער זיי קיין שליטה נישט און נישט קיין דעה. אין דאָמיניאָן גופא ווערט ענגלאַנד פערטרעטען דורך אַ גובערנאַטאָר וועלכער איז דער פערטרעטער פון ענגלישען קעניג. נאָר אַזוי ווי אין ענגלאַנד איז די מאַכט פון קעניג בעשרענקט דורך דער קאָנסטיטוציע, איז די מאַכט פון דעם גובערנאַטאָר אין דאָמיניע אויך שטאַרק בעשרענקט.. ענג צוזאַמענגעבונדען זענען אָבער די אַלע זעקס דאָמיניעס מיט דעם מוטער־לאַנד ענגלאַנד אויף דעם געביט פון אויסערן־פּאָליטיק. אַ דאָמיניע פיהרט נישט קיין אייגענע אויסערן־פּאָליטיק. דאָ אָבער אויך בעראָט זיך די ענגלישע רעגירונג מיט די דאָמיניעס אין פראַגען פון אויסערן־פּאָליטיק, וועלכע האָבען אַ שייכות צו די בעטרעפענדע לענדער.

דער אונטערשיד צווישען אַ דאָמיניע און קאָלאָניע מוז אויך געמאַכט ווערען קלאָר. אַ קרוין־קאָלאָניע האָט ערשטענס צומאָל נישט קיין אייגענע זעלבסטפערוואַלטונג אין אַ פאָרם פון אַ פּאַרלאַמענט, אויסגעוועהלט דורך דער בעפעלקערונג. דאָס לאַנד ווערט געוועהנליך פערוואַלטעט דורך אַ נציב־העליון, וועלכען די ענגלישע רעגירונג בעשטימט. אַלזאָ נישט נאָר אין אויסערליכע ענינים נאָר אַפילו אין אינערליכע ענינים פון לאַנד האָט די בעפעלקערונג קיין דעה נישט, אויב זיי בעזיצען שוין יאָ אַ מין „פערוואַלטונגס־ראַט" איז דאַן דער גרעסטער טייל מיטגלידער פון ראַט בעשטימט דורכ'ן נציב און נישט געוועהלט דורך דער בעפעלקערונג, אַזוי, אַז דער נציב איז שטענדיג זיכער, אַז די בעשטימונגען פון ראַט וועלען נישט זיין געגען זיין וואונש און געגען די אינטערעסען פון ענגלאַנד.

צו די זעקס אויבענדערמאָנטע דאָמיניעס וויל קאָלאָנעל וועדזשוואוד מספּה זיין אויך ארץ־ישראל. דאָס הייסט, מאַכען פון ארץ־ישראל אַ מלוכה־פערבונד מיט ענגלאַנד נאָר אין פראַגען פון אויסער־פּאָליטיק, אָבער זעלבסט־בעשטימענד אין אַלע אַנדערע אַנגעלעגענהייטען. מיט דעם ציל און אויסזיכט, כל־זמן ארץ־ישראל וועט זיך געפינען אין דעם בריטישען מאַנדאַט, ווייניגסטענס פאַר די נעכסטע 15־16 יאָהר — זאָל די פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג זיין אַזוי איינגעשטעלט „צו שאַפען אַזעלכע פריינדשאַפטליכע בעציהונגען צווישען די ענגלענדער און די יודען, געבויט אויף נעדרעכטיגקייט, געמיינזאַמע אינטערעסען און געמיינזאַמע אידעאַלען, כדי די יודען — נאָכדעם, ווי די מאַנדאַטען־פעריאָדע וועט זיך ענדיגען — זאָלען אויסדריקען זייער וואונש צו פעראייניגען זיך מיט ענגלאַנד און ווערען אַ דאָמיניע אין דעם בריטישען רייך".

כדי דאָס צו דערגרייכען, האָט קאָלאָנעל וועדזשוואוד איצט געשאַפען „די ליגע פאַר'ן זיבעטען דאָמיניע" מיט אַ פּראָגראַם, וועלכער פאָדערט 1) אַ מאַיאָריטעט פון יודען אין ארץ־ישראל, 2) העלפען די יודען זיך צו קאָלאָניזירען אין ארץ־ישראל, 3) צוגעוואוינען די יודען צו דער ציוויל־אַדמיניסטראַציע פון לאַנד דורך אַריינגעהמען אַלמעגליך מעהר און מעהר יודען אין דער לאַנדעס־אַדמיניסטראַציע. דאָס זענען איינינע הויפּט־פּונקטען פון פּראָגראַם.

אין זיין אינטערוויו פאַר דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור האָט קאָל. וועדזשוואוד נאָך געגעבען פאָלגענדע ערקלערונגען: „די יודען דאַרפען איינענטליך זיין די ערשטע וואָס זאָלען אויסדריקען זייער צופרידענהייט איבער מיין געדאַנק און דאַרפען אַלע אַריינטרעטען אין דער ליגע צו שאַפען אָפּטיילונגען אין זייערע אייגענע לענדער. דורך דער שאַפונג פון אַ גרויסען פאָלקס־אינטערעס אין בריטישען רייך פאַר ארץ־ישראל. אַלס אַ צוקונפטיגען אַלירטען לאַנד, וועט דער אינטערעס פאַר ארץ־ישראל וואַקסען און די בריטישע פּאָליטיק אין לאַנד, ווי אויך די פאָרמען פון דער פערוואַלטונג וועלען זיך במילא מוזען ענדערען צום בעסערען. עס איז נישט איבערגעטריבען צו זאָגען — ערקלערט קאָל. וועדזשוואוד — אַז די לאַגע אין ארץ־ישראל האָט זיך שוין בעדייטענד געענדערט. דער נייער ארץ־ישראל נציב סער דזשאָן טשענסעלאָר, איידער ער איז אָפּגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל האָט זיך געגעזעגענט מיט מיין פּלאַן און האָט זיך צו איהם בעצויגען זעהר סימפּאַטיש. עס איז אַ פאַקט, אַז ער איז אָפּגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל פולשטענדיג ענטשלאָסען צו פערגרעסערען די יודישע אימיגראַציע און העלפען דער יודישער קאָלאָניזאַציע.

אויך די, וועלכע האַלטען דעם גאַנצען ענין פאַר אַ חלום, זאָלען זיך גאָרנישט איינרעדען, אַז ענגלאַנד וועט ווען עס איז, אונטער דעם דרוק פון די אַראַבישע פאָדערונגען זיך אונגאַנצען אָפּזאָגען פון ארץ־ישראל. אויב אַפילו קיין יוד וואָלט נישט געווען דאָרט און קיין באַלפור־דעקלאַראַציע וואָלט נישט געגעבען געוואָרען, וואָלט ענגלאַנד זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון ארץ־ישראל. אַזוי ווי עס איז נישט מעגליך, אַז ענגלאַנד זאָל אַוועקגעהן פון מצרים צוליב איהרע אינטערעסען דאָרטען, אַזוי ווי פראַנקרייך וועט זיך קיינמאָל נישט שיידען מיט סיריען, אַזוי אויך וועט ארץ־ישראל שטענדיג בלייבען אונטער דעם קאָנטראָל פון ענגלאַנד. שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם, אַז ענגלאַנד מוז האָבען ארץ־ישראל אַלס דער וועג צום מזרח און צו דער פעסטיגונג פון סועץ־קאַנאַל. די בעפעלקערונג פון ארץ־ישראל גופא, צוליב דער סטראַטעגישער לאַגע פון לאַנד, וועט שטענדיג מוזען אָנקומען צו דער הילף פון דעם ענגלישען פלאָט.

דער פחד, וואָס די יודען זאָגען אַמאָל אַרויס אַז די אַראַבער פון ארץ־ישראל וועלען זיך פעראייניגען מיט אַלע אַנדערע אַראַבער און זיך שאַפען אַנ'אַראַבישען רייך, איז אויך גאָרנישט ווערט. דער גאַנצער פּלאַן שטעהט אויף הינערשע פיסלעך. ווייל די שנאה און קנאה, וועלכע הערשט צווישען די אַראַבישע פיהרער און מלכים, וועט אַזאַ פּלאַן מאַכען אונמעגליך, און עס איז איהם בעשערט איינצופאַלען נאָך איידער ער וועט ווען עס איז זיך גרינדען. אין די מוחות פון די, וועלכע האָבען ליב צו פּאָליטיזירען מענען טאַקע אַזעלכע געדאַנקען אויפשווימען. די אָבער, וועלכע ווייסען צו אונטערשיידען רעאַל־פּאָליטיק פון סתם פּאָליטיזירען, ווייסען, אַז דער פחד פאַר אַנ'אַראַבישען רייך איז נאָר נישט ווערט. יעדענפאַלס ארץ־ישראל, אַלס אַ ציוויליזירטע לאַנד, וועט קיינמאָל נישט דערלאָזען ווערען, אַז די זאָל אַריינגעצויגען ווערען אין אַנ'אַראַבישען רייך פון לענדער, וועלכע לעבען נאָך עד־היום אין מיטעל־אַלטערישע צושטאַנדען.

קאָלאָנעל וועדזשוואוד דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז אויב ביז־איצט זענען אַ סך ענגלענדער געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז זיי טוען אַ מין גרויסע טובה די יודען, וועלען זיי איצט זיך איבערצייגען, אַז זייער — דער ענגלישער נוצען איז אויך אַזאַ, וועלכען מען קען נישט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד. דאָס וועט העלפען אויך די יודען, וועלכע האָבען זיך בעצויגען נישט מיט גרויסער סימפּאַטיע צום אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס יודישע נאַציאָנאַלע היים, איצט צו ענדערען זייער טאַקטיק. עס איז אַ פאַקט, אַז אַ סך בריטישע יודען, וועלכע זענען געשטאַנען ווייט פון ציוניזם, וועלען איצט נעהמען אַנ'אַקטיווען אַנטייל אין דער ליגע און אַזוי קומען נעהנטער אויך צו דער יודישער אַגענטור צו וועלכער קאָלאָנעל וועדזשוואוד בעציהט זיך מיט גרויס סימפּאַטיע, ווייל די אַגענטור וועט אַהן צווייפעל פערגרעסערען די אויפבוי־מעגליכקייט פון ארץ־ישראל.

זאָלען די יודען זיך נאָר ענטשליסען צו פערפאָלגען אַ גאַנץ בעשטימטע פּאָליטישע ריכטונג, זאָלען זיי בלייבען טריי צו זייער אייגענעם אידעאַל — פערענדיגט קאָלאָנעל וועדזשוואוד זיין אינטערוויו — און זיי קענען דאַן זיין זיכער אויף דער הילף און שטיצע, וועלכע זיי וועלען בעקומען פון אונז נישט־יודען. אַכט וויכטיגע מיטגלידער פון ענגלישען פּאַרלאַמענט האָבען געחתמעט דאָס פּראָגראַם, זיי פערטרעטען אַלע פּאַרטייען פון פּאַרלאַמענט און זייער איינפלוס אויפ'ן פאָלק איז גרויס און זייערע ווערטער זענען צופערלעסיג.

אויך קאָלאָנעל וועדזשוואוד אַליין — ווי בעקאַנט — איז איינער פון די לידערס פון דער אַרבייטער־פּאַרטיי אין ענגלאַנד און געוועזענער מיניסטער אין דער צייט פון דער אַרבייטער־רעגירונג. (יט״א).

א. טאַניאַנסקי.

דער קאַמעניצער מגיד

פון ראובן בריינין

דער ערשטער יודישיסט
קאַפּיטעל „בלעטער פון מיין לעבענסבוך"

סוף

מכבי, אַלס מענש, האָט מיך גלייך שטאַרק פעראינטערעסירט. איך האָב איהם איינגעלאַדען צו וואוינען ביי מיר אַ פּאָר טעג. וועהר גערן האָט ער אָנגענומען מיין איינלאַדונג. גאַסטפריינדליך האָב איך געטיילט מיט איהם מיין קליינעם, אָרימען צימער.

אויסגעזעהן האָט דאַן מכבי פיל עלטער פון מיר, באמת איז ער געווען נאָך מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער. מיין נרעסטע גייסטיגע ליידענשאַפט איז פון תמיד געווען נעהענטער קאָנען צו לערנען, ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך, די נשמה פון אויסנאַהם־מענשען, די גאַנץ בעזונדערע, די מערקווירדיגערע מענשליכע עקזעמפּלאַרען. מכבי איז געווען איינער פון די דאָזיגע.

אַ פּאָר טעג האָב איך געהאַט די פולע מעגליכקייט נאָהענט צו בעאָבאַכטען דעם מענשען: מכבי, ער איז געווען און פערבליבען אין מיינע אויגען אַ פּראָבלעמאַטישע נאַטור, פול מיט ווידערשפּרוכען און אינערליכע שאַפונגען. ער איז דאַן געווען (איך ווייס נישט וואָס איז פון איהם נאָכדעם געוואָרען) אַניאַסקעט, אַ שטרענגער וועגעטאַריער. זומער און ווינטער איז ער אומגעגאַנגען אין גומי־שיך. ער האָט נישט געטראָגען אויף זיינע פיס און אויף זיין קערפּער בכלל קיין זאַך פון לעדער, וואָס ווערט אויסגעאַרבייט פון אַ פעל פון אַ בעל־חי. צוליב דעם האָט ער אויך ווינטער קיין פוטער נישט געטראָגען.

די נעכט, וואָס ער האָט צוגעבראַכט אין מיין צימער, האָט ער כמעט מיט אַנ'אויג נישט צוגעמאַכט. מיך האָט ער אויך נישט געלאָזט שלאָפען. ער האָט געהאַלטען אין איין דעבאַטירען מיט מיר וועגען מעטאַפיזישע פראַגען. און ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען, ווען פון די היציגע דעבאַטען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער, דער קאַמעניצער מגיד, דער פאַנאַטישער מוכיח, איז נאָר אַ כופר בעיקר, אַ פאַנאַטישער אַטעאיסט. די בעגרינדונג פון זיין אַטעאיזם איז געווען אַ פּרימיטיווע: ווען עס איז דאָ אַ גאָט, היינט ווי קאָן ער צוזעהן אַזוי־פיל אומרעכט אויף דער וועלט און שווייגען... ער האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז די וועלט איז אַ קרמון, שטרענדיג זיך אויף געוויסע גריכישע פילאָזאָפען, וואָס ער האָט געוואוסט פון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. זיין צוגאַנג צום איבינען פּראָבלעם איז געווען נישט קיין וויסענשאַפטליכער און נישט קיין פילאָזאָפישער. זיין פאַנאַטישע כפירה האָט מיך שטאַרק אויפגעבראַכט. מיר איז שווער געווען צו בעגרייפען, ווי קאָן מען מיט זיכערקייט און בעשטימטקייט לייקענען די סיבה ראשונה? איך האָב אַלעם אָנגעווענדט, אום אויפצוטרייסלען זיין פעסטע אמונה אינ'ם קינדישען אַטעאיזם. עס איז געווען אומזיסט. ער איז געבליבען ביי זיינס: לית דין ולית דיין.

דאַן האָב איך זיך שטרענג געווענדט צום מגיד: „אויב אַזוי, זייט איהר אַ צבוע, אַ היפּאָקריט! ווען איהר זייט אַ כופר בעיקר, היינט ווי קאָנט איהר האַלטען אייערע פרומע דרשות, ווי קאָנט איהר שטראָפען דעם עולם? איהר האָט נישט קיין גאָט אין האַרצען. און דאָך רעדט איהר פון דער בימה ווי אַ פלאַם־פייערדיגער מאַמין".

אום זיך צו פערטיידיגען, האָט מיר מכבי ענטפּלעקט זיין נשמה (און איך וויל גלויבען, אַז ער איז דאַן געווען אויפריכטיג): ער ליידט פון אַ גייסטיגער קרחת; אַמאָל פיבערט ער פון אמונה דאַן פערטראָגט ער נישט קיין אַפּיקורס, ער קאָן איהם אין שטיקער צורייסען; אַמאָל ברענט ער פון כפירה און ער דולדעט נישט קיין בלינדען מאַמין — דאָס איז זיין אינערליכע טראַגעדיע. זיין עטישער גייסט אָבער איז נישט אָפּהענגיג פון זיין רעליגיעזער שטימונג. פעסט און קיינמאָל נישט וואַקלדיג איז זיין אמונה אין דער עטישער אויפגאַבע פונ'ם יודישען פאָלק. די תורה איז היילינ, ווען זי איז אַפילו נישט מן השמים. נאָר אַ פּראָדוקט פון דער פאָלקס־שאַפונג. אין מיטען געשפּרעך האָט ער זיך אַרויסגעוויזען אַנ'עכטער פאָלקס־מענש. זיין ליבע צום פאָלק, צו די גרויסע יודישע מאַסען, איז געווען אַ מיסטישע, אַ רעליגיעזע.

און דאָ קום איך צום אויסנאַהמס־פּונקט.

אין פלוס פון אונזערע שטורעמדיגע דעבאַטען איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען די פראַגע וועגען דער מעגליכקייט און דער נויטיגקייט צו פערוואַנדלען די העברעאישע שפּראַך אין אַ לעבעדיגער פאָלקס־שפּראַך. און דאַן איז מיר צום ערשטען מאָל אויסגעקומען צו הערען פון אַ הונדערט־פּראָצענטיגען נאַציאָנאַליסט, און דערצו נאָך אַ גרויסען למדן, ליבהאָבער פאַר דער יודישער שפּראַך. מכבי האָט געזוכט מיר צו איבערצייגען, אַז דער פערזוך אויפצולעבען די העברעאישע שפּראַך אין די גלות־לענדער קאָן העכסטענס שאַפען אַ קליינע גרופּע פון העברעאישער אַריסטאָקראַטיע. אָדער בעלי־גאווה'ים וואָס וועלען זיך דערווייטערען פונ'ם לעבעדיגען פאָלק יודיש איז איצט אַזוי היילינ, ווי עס איז געווען אַמאָל העברעאיש. דאָס פאָלק איז פערשקלאָפט. ליידט נויטען, פערהאַמעט, פערשמאַכט, אין זיינע לופט־פּרנסות. און איהר קומט צו איהם און ווילט איהם לערנען רעדען לשון־הקודש!... דאָס פאָלק איז פערזונקען אין די מ״ט שערי טומאה, און איהר, ווי איהר וואָלט וועלען מאַכען

(ווייטער ווערט 7־טע זייט)

Dr. Z. Rakowski

ספּעצ. פאַר אויערען־, נאָז־, האַלז־ און לונגען־קראַנקה.

קאָנסטאַנטינער 9, טעל. 81־27.

שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—3.

Dr. N. TRACHTENHERC

אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען

נאַרוטאָוויטשאַ 11, טעל. 33־16

נעהמט אָן פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

מערץ

זון-אויפגאנג 6.12
זון-אונטערגאנג 5.24

6
מיטוואך
כד
אדר א׳ תרפ״ט

פערלענגערט טערמין פון ריי־ניגען די הייזער און הויפען

דער צענטראלער הויז-בעזיצער-פאראיין פון די לאדזער וואיעוואודזטווע (פיעטריקאווער 46) טיילט אונז מיט:

צוליב-דעם, וואס די אדמיניסטראטיווע מאכט האט בעשטימט א טערמין אויף אויסצופיהרען אלע ארבייטען, כדי צו ברענגען אין ארונונג די קאנא־ליזאציע און וואסער-לייטונג, האט א דעלעגאציע פון אלע הויז-בעזיצער-פאראיינען זיך געווענדעט אין וואיעוואודזטווע. אזוי ווי דער וואיעוואדע איז דעם 28 פעברואר נישט געווען אין לאדז איז די דעלעגאציע אויפגענומען געווארען דורכ׳ן לייטער פון דער אדמיניסטראציע אפטיילונג ה. דיכדאלע־וויטש.

נאכדעם ווי ער האט אויסגעהערט די פער־לאנגען פון די הויז-בעזיצער, וועלכער ס׳האט פארמולירט דער געוו. סיים דעפוטאט פריזע, האט ה׳ דיכדאלעוויטש מסכים געווען איבערצורוקען דעם טערמין פונ׳ם 4 אויפ׳ן 15 ה. ח. נאכדעם האט זיך די וואיעוואודזטווע צוזאמענגערעדט ווע־גען דעם ענין מיט דער שטעטישער סטאראסטווע, כדי נאכצוקומען די פערלאנגען פון די הויז-בע־זיצער.

נייע מטבעות

אין דער מלוכה׳שער מטבעות-מינצעריי אר־בייט מען איצט ענערגיש איבער די זילבערנע 5 זלאטי-שטיק.

די מאשינען פערטיגען אויס יעדען טאג ביז 15 טויזענט מטבעות, וואס ווערען אויסגעארבייט פון א מעטאל-מישונג, וואס האלט 750 חלקים זילבער און 250 חלקים קופער.

די נייע מטבעות וועלען געלאזט ווערען אין אומלויף ענדע מערץ.

נארמירט דעם באהן-פערקעהר

(—) ווי בעוואוסט האט וואיעוואדע יאשטשאלט זיך נעכטען געווענדעט צום אינערן-מיניסטעריום מיט א בקשה צו אינטערווענירען אין קאמוניקא־ציע-מיניסטעריום וועגען צוריקשטעלען די נארמא־לע בעוועגונג פון די פאסאזשיר-צוגען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די מאכט דערווייל געלאזט צוויי צוגען אויף דער ליניע לאדז–ווארשא: היינט 8.56 אין אווענט וועט אנ־קומען אויף דעם וואקזאל פון לאדז–פאבריטשנא דער שנעל-צוג נומער 309 פון ווארשא.

מארגען 7.20 אינדערפריה געהט ארויס פון לאדז–פאבריטשנע דער ערשטער צוג נומער 310, קיין ווארשא. דער צוג וועט אנקומען קיין ווארשא 9,52. ווי מיר דערוויסען זיך וועלען די איבריגע צוגען איינגיכען צוריקקעהרען צום נארמאלען צושטאנד.

שטייערן

(וו) דער פינאנץ-אמט אין לאדז האט בעקו־מען א צירקולאר פון פינאנץ-מיניסטעריום, אז די שטייער-צאהלונגס-אנווייזונגען דארפען אויסגעפער־טיגט און צושיקט ווערען ביז׳ן 15 אפריל.

א באנקראט

אין די היגע סוחרישע קרייזען האט ארויס־גערופען א פאניק די ידיעה, אז איינע פון די בעדייטענדסטע פירמעס אין לעמבערג ב. יאכנעז האט באנקראטירט. די לאדזער פירמעס זאלען ביי דעם באנקראט ליידען אויף העכער א האלבען מיליאן זלאטעס.

די טעג קומט פאר אנ׳אלגעמיינע פערזאמ־לונג פון די געליטענע לאדזער סוחרים, וועלכע ווילען געפונען אנ׳אופן, ווי ארויסצובעקומען פון דער פירמע יאכנעז זייערע חובות.

א גרויסע פאבריק-שרפה

נעכטען ארום 11 א זייגער פארמיטאג האט אויסגעבראכען א שרפה אין דער אפרעטור פון מ. נ. ציטרין אויף בושעושיגער 50.

די שרפה איז אויסגעבראכען אין די רויהערייי און איז בעמערקט געווארען דורך דעם בוכהאלטער פון דער פירמע ה׳ גאנגע, ער האט בעמערקט, אז עס ברענט דער שטויב אויף דער פאדלאגע און באלד האבען זיך אנגעכאפט די טראנסמיסיע־פאסען, וועלכע ציהען זיך איבער דעם גאנצען פאב־ריקס-זאל. דער בוכהאלטער איז צוגעלאפען צום טעלעפאן אלארמירען די פייערלעשער, דערווייל האָ־בען די ארבייטער געפרובט אפלעשען דאס פייער מיט די אפאראטען „מינימאקס" דאס האט אבער נישט געהאלפען דאס פייער האט זיך מאמענטאל פערשפרייט ווייטער דאן האבען די ארבייטער גענו־מען ארויסוואַרפען דורך די פענסטער די סחורה, דערמיט האבען זיי נישט דערלאזט דאס פייער זיך צו פערשטארקען. ביי דער ארבייט זענען ערנסט אפגעבריהט געווארען די ארבייטער: שלמה נאכ־מאנאוויטש (בושעושינער 50), יוזעף וואלטשאק (בושעושינער 57) דריי אנדערע ארבייטער האבען בעקומען לייכטערע וואונדען.

אויפ׳ן ארט פון דער שרפה זענען ענדליך אנגע־קומען די פייערלעשער און אונטער דער אנפיהרונג פון קאמענדאנט גראהמאן און גענומען ענערגיש בעקעמפען דאס פייער. לעבען דעם ברענענדען בנין געפונען זיך הילצערנע הייזלעך, וועלכע זענען בעד־וואוינט דורך די ארבייטער, די אקציע האט גע־דארפט געפיהרט ווערען אויף אזא אופן, אז עס זא־לען אפגעהיטען ווערען די שכנות׳דיגע הייזער. צווי־שען די איינוואוינער האט געהערשט א פאניק, מען האט געפאקט און ארויסגעטראגען פון דארט, וואס עס האט זיך געלאזט, א טייל פון די פייערלעשער זענען געשטאנען און אפגעהיט אז די שטיבלעך זאלען זיך נישט אנכאפען. די אקציע איז נאך געווען פערשווערט צוליב דעם, וואס די פייערלעשער אוי־טאס האבען נישט געקענט צופאהרען דירעקט צום ברענענדען בנין, ווייל דער טויער איז א שמאלער. צום או׳גמגליק איז אויך אין דער גאנצער געגענט נישט געווען קיין וואסער און מען האט געמוזט פיהרען וואסער פון פאזנאנסקים און ראזענבלאטס פאבריקען.

ארום צוויי א זייגער האט זיך איינגעגעבען די שרפה אפצולעשען, דער צווייטער און דריטער שטאק פון דער פאבריק זענען איינגאנצען אפגע־ברענט געווארען, אלע מאשינען, וועלכע האבען זיך דארט געפונען זענען איינגאנצען פערניכטעט גע־ווארען; די מאשינען פונ׳ם ערשטען שטאק און אינ׳ם פארטער זענען אויך פונ׳ם וואסער בעדייטענד בעשעדיגט געווארען.

ווי עס אינפארמירט די דירעקציע פון דער פאבריק — בעטרעפט דער היזק 30,000 דאלאר.

צו דער שרפה זענען אויך געקומען דער שטעד־טישער סטאראסטווע ה׳ שטשעמינסקי, דער וואיע־וואודזקער פאליציי-קאמענדאנט ד״ר טארווינסקי, זיין פערטרעטער קאמיסאר דאמבראווסקי, קאמענ־דאנט עלוזעסער-ניעדזשעלסקי און דער לייטער פונ׳ם 3. פאליציי-קאמיסאריאט — ווילטשינסקי.

די פירמע ציטרין האט קיין נאיינע סחורות אין דער פאבריק נישט געהאט, די אלע סחורות, וועלכע האבען זיך געפונען אין דער אפרעטור האָ־בען געהערט צו פערשידענע סוחרים.

קאמף געגען טובערקולאז

ערגענצונגס-קורס פאר דאקטוירים — בעראטונגס-שטעלען — א מוסטער פון ווארשא

דער אנטי-טובערקולאז-פערבאנד אין פוילען ארגאניזירט דעם 4. ערגענצונגס-קורס פאר דאק־טוירים, כדי פארצובעריימען די דאקטוירים צום קאמף געגען טובערקולאז, בפרט די דאקטוירים, וואס גרייטען זיך צו ארבייטען אין די בעראטונגס-שטע־לען פאר טובערקולאז-קראנקע. די אקציע ווערט גע־שטיצט דורכ׳ן געזונדהייטס-דעפארטאמענט ביים אי־נערן-מיניסטעריום. דער 3-חדשים׳דיגער קורס וועט ארומנעהמען פראקטישע און א גאנצע רייה טע־ארעטישע ארבייטען אויפ׳ן געביט פון אינערליכען, כירורגישען און קינדער-טובערקולאז, אין די קלי־ניקען פון ווארשעווער אוניווערזיטעט, א חוץ דעם וועט יעדער צוהערער זיך בעקענען גענוי מיט דער ארבייטס-טעכניק אין די ווארשעווער בעראטונגס־שטעלעם פאר טובערקולאז-קראנקע.

כדי צו פערלייכטערען דאס דורכמאכען דעם קורס, וועט פאר 10 דאקטוירים בעשטימט ווע־רען סטיפענדיעס צו 750 זל. און 5 דאקטוירים וועלען בעפרייט ווערען פון צאהלען שכר למוד.

דער קורס וועט זיך אנהויבען דעם 4 אפריל ה. י., פארצוג ביים דערהאלטען די סטיפענדיעס וועלען בעקומען די דאקטוירים, וואס וועלען עמ־פעהלט ווערען דורכ׳ן געזונדהייטס-דעפארטאמענט ביים אינערן-מיניסטעריום און דורכ׳ן אנטי-טובער־קולאזען פערבאנד.

ביטעס דארפען אפגעגעבען ווערע נשריפטליך ארער מינדליך אין ביורא פון פערבאנד (ווארשא, כאטשימסקא 4, מלוכה-שול פאר היגיענע) ביז׳ן 10-טען מערץ. צ ודער ביטע דארף צוגעלעגט ווע־רען א קורצע לעבענסבעשרייבונג, א בעשייניגונג פון דער אינסטיטוציע, וועלכע האט דעם ארצעט רעד־לעגירט און א פערפליכטונגס-אקטע זיך צו בעטיי־ליגען אי ןדער טעטיגקייט פון בעקעמפען טובערקולאז וועניגסטענס 2 יאהר נאכ׳ן פערענדיגען דעם קורס.

וועגען אנגעהמען אויפ׳ן קורס וועט רעדצידירען אנ׳ארגאניזיר-קאמיסיע און אלע פעטענטען וועט מען באלד מודיע זיין. וועגען ענדיגען דעם קורס וועלען ארויסגעגעבען ווערען צייגנישען.

א ביגאמיסט פאר׳ן געריכט

אויף דער בעשולדיגונגס-באנק אין קרייז-גע־ריכט איז נעכטען געזעסען דער 33-יעהריגער וולא־דיסלאוו וואיטשאק, וועלכער איז געווען בעשול־דיגט אין ביגאמיע.

אין 1918 איז וואיטשאק ארויסגעפאהרען קיין דייטשלאנד אויף ארבייט. דארט האט ער זיך בעקענט מיט א געוויסער אננא אויגוסטינא קעס־לער, זיך פערליבט אין איהר און מיט איהר חתונה געהאט.

אזוי ווי די געשעפטען אין דייטשלאנד זענען נישט גלענצענד געגאנגען איז וואיטשאק מיט זיין פרוי און שוין מיט 2 קינדער געקומען מיט א פאר יאהר צוריק קיין לאדז.

וואיטשאק האט לאנג געזוכט ארבייט אין לאדז און נישט געפונען. די פרוי האט אויסגעפער־קויפט אלע זאכען, און ווען מען האט שוין אלץ אויפגעגעסען, גענומען די צוויי קינדער און צוריקגעפאהרען אהיים קיין דייטשלאנד. וואיטשאק איז געבליבען דא.

נאכ׳ן אוועקפאהרען פון דער פרוי האט זיך וואיטאשק באלד דערפיהלט מעשה בחור. ער האט זיך בעקענט מיט דער 17-יעהריגער זאפיא זאיאנ־טשקאווסקא און אין א קורצער צייט ארום מיט איהר אויך חתונה געהאט.

וועגען דער צווייטער חתונה האט זיך דער וואוסט די ערשטע פרוי און אנגעשריבען אהער א בריף.

מען האט וואיטשאק׳ן צוגעצויגען צ ופעראנט־ווארטליכקייט, דער בעשולדיגטער האט ערקלערט, אז די ערשטע חתונה האט ער געהאט א ציווילע נישט קיין רעליגיעזע און ער האט זי גערעכענט פאר נישט קיין פערפליכטענדע.

דאס געריכט האט פערמשפט וואיטשאק׳ן אויף 3 חדשים טורמע, צוליב דער אמנעסטיע איז איהם די שטראף געשאנקען געווארען.

אוועקגעפיהרט זיין פרוי קיין ארגענטינע

און יעצט קלויבט ער זיך נאכאמאל חתונה האבען

מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק האט א גע־וויסער ה. פון קאנסטאנטינער גאס זיך געשדכנט צו א לאדזער מיידעל אנרושא ג.

דאס מיידעל איז מסכים געווען דערויף און אין עטליכע וואכען ארום האט מען געמאכט אקטען און געשטעלט חופה.

נאך פאר דער חתונה האט דער חתן ערקלערט אז ער וועט צוזאמען מיט זיין פרוי אוועקפאהרען קיין ארגענטינא וואו ער האט רייכע משפחה און האט אלע אויסזיכטען זיך איינצוארדנען, די כלה איז דערויף מסכים געווען, ה׳ האט ארורכגעפיהרט אלע פארמאליטעטען, געמאכט פאפירען, געמאכט א חתונה און טאקע מיט זיין יונגער פרוי אוועקגע־פאהרען קיין ארגענטינא.

אנרושאס פאטער האט די ערשטע צייטען בעקומען גאנץ קגוטע בריף פון זיין טאכטער, אבער, וואס ווייטער זענען די בריף געווארען אלץ זעלטע־נער ביז זיי האבען זיך אינגאנצען אפגעשטעלט.

אלע בעמיהונגען פון אנרושאס פאטער זיך צו דערוויסען וועגען דעם גורל פון זיין טאכטער האבען זיך נישט איינגעגעבען, ווי ערשטיינט איז ער דער־ריבער געווארען ווען ער האט אמאל געהענדיג אויף דער פעטריקאווער גאס בעמערקט זיין איידעם ה., וועלכער איז אוועקגעפאהרען מיט זיין טאכטער קיין ארגענטינא.

ה. האט אבער געמאכט א מינע, ווי ער ווייסט פון גארנישט צו זאגען, אז ער האט קיינמאל נישט חתונה געהאט און איז קיינמאל נישט געווען אין ארגענטינא. בינו־לבינו האט זיך אנרושאס פאטער דערוואוסט, אז דער איידעם, וועלכער וויל זיך צו איהם נישט אנערקענען קלויבט זיך אין לאדז איצט נאכאמאל חתונה צו האבען מיט א לאדזער מיידעל. אנרושאס פאטער איז דער גאנצער ענין געווארען שטארק אויפפאלענד און ער האט וועגען דער גאנצער געשיכטע געמאלדען דער פאליציי, וועלכע פיהרט אנ׳אויספארשונג וועגען דער ראזיגער גע־היימנישפולער געשיכטע.

קויהלען פאר ארבייטסלאזע

(2) לויט דער השתדלות פון דער וואיעוואודז־טע האט די רעגירונג אסיגנירט עטליכע צעהנדליג טויזענד זלאטעס אויף דריגענדער קויהלען-שטי־צע פאר די ארבייטסלאזע.

אלע ארבייטסלאזע, וועלכע בעקומען אונטער־שטיצונגען פונ׳ם ארבייטסלאזען פאנד, א חוץ פרייליידיגע, וועלען בעקומען גלייכע קוואנטומס קויהלען.

נעכטען האט שוין דער מאגיסטראט אנגע־הויבען ארויסגעבען קויהלען פאר די ארבייטסלאזע אויף די פלעצער וועגלאווע 3 און פושעגראלניאנא ביים רוג פאבריטשנע.

די ארבייטסלאזע, וואס ווילען געניסען פון די קויהלען דארפען זיך היינט און מארגען מעלדען אויף די אנגעוויזענע פלעצער.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) עפשטיין, פיעטריקאווער 225; בארטא־שעווסקי, פיעטריקאווער 95; ראזענבלום, ציגעל־גאס 12; גארפיין, וולכאדניא 54; קאפראווסקי, נאוואמיעסקא 15.

ביטעס אויף רעגלאמענטירטע סחורות

דער צענטראלער סוחרים-פאראיין (פיעטרי־קאווער 10) טיילט מיט, אז ס׳ווערען אנגענומען ביטעס וועגען אריינפיהר פון רעגלאמענטירטע סחורות אויפ׳ן צווייטען קווארטעל פון ה.י.

ביטעס ווערען אנגענומען ביז׳ן 21 ה.ח. אין קאנצעלאריע פון פאראיין. נאך דעם טערמין וועט לען קיין ביטעס נישט אנגענומען ווערען.

פון דער ים- און טייך-ליגע

(–) די לאדזער ים- און טייך-ליגע האט בעקומען פון דער צענטראלע א רייה הנחות און ארדענט איין ים-אויספלוגען. דער ערשטער אויספלוג וועט פארקומען אויף די קריסטליכע גרינע חגאות.

דער אויספלוג וועט דויערן 3 טעג. די ריי־זע-הוצאות מיט קעסט און אויספלוגען וועלען קאסטען 59 זל. דאס געלט קען מען איינצאהלען אין קליינע ראטעס אין סעקרעטאריאט פון דער ליגע (פיעטריקאווער 92).

Dr. med. H. Lubicz

צעגעלניאנא 43, טעל. 32-41

ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און [illegible] קראנקהייטן, [illegible] מיט קווארץ-לאמפע [illegible]

[illegible] פון 8–10 און פון 5–8 [illegible].

Dr. med. STUPEL

.12 Szkolna 12.

ספעציאליסט פאר הויט-, האר און ווענערישע קראנקהייטן [illegible] - שוועכע, ליכט און רענטגען-שטראלען און [illegible] קווארץ- ליכט, עלעקטרא-טעראפיע.

נעהמט אן פון 6 ביז 9 אין אווענד.

קראַנקען-קאַסע פיהרט אַ קאַמף געגען סימוליאַנטען

(2) די קראַנקען-קאַסע האָט בעשלאָסען אונ-טערצונעהמען אַ קאַמף געגען די פסעוודאָ-קראַנקע ד.ה. סימוליאַנטען, אָדער אַזעלכע, וועלכע רעדען זיך איין אַ קרענק.

פון דעם מין פסעוודאָ קראַנקע ליידט די קראַנקען-קאַסע זעהר פיל, זיי נעהמען צו ביי די דאָקטוירים די צייט, וועלכע זיי וואָלטען געקענט אָפגעבען די ווירקליך קראַנקע, און אַ חוץ-דעם איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די מייסטען פסעוודאָ-קראַנקע בעמיהען זיך צו בעקומען געלד אונטערשטיצונג פון דער קראַנקען קאַסע אָדער בעפרייען זיך פון דער אַרבייט.

די קראַנקען-קאַסע האָט צוליב דעם בעשלאָ-סען צו בילדען קאָמיסיעס, וועלכע דאַרפען שטרענג קאָנטראָלירען די ענטשפּרעכענדע פּאַציענטען און צוציהען צו פעראַנטוואָרטליכקייט אַזעלכע, וועלכע מיסברויכען מיט זייער רעכט צו היילען זיך אין קראַנקען-קאַסע.

גמילת-חסדים ביי דער קהלה

נעכטען איז פאָרגעקומען אינטער'ן פאָרזיץ פון פּרעזעס מינצבערג אַ זיצונג פון פּרעזידיום פון קהלה-פערוואַלטונג. עס זענען בעהאַנדעלט געוואָרען אַ רייה בקשות פון פּערזאָנען, וועלכע האָבען זיך געווענדעט צו דער קהלה נאָך אונטער-שטיצונגען. אַנ'ערך 100 ביטעס זענען בעפרידיגט געוואָרען. דער אַלגעמיינער סכום פון די ערטיילטע הלוואות בעטרעפט ביז 10 טויזענד זלאָטעס.

אַ רויב-אָנפאַל

(2) דער 18-יעהריגער סוויטקאַ האָט געאַר-בייט אַלס גאָניעץ אין דער סאָמאָשאייער זיידען-פאַבריק. נעכטען, ווען ער איז אויף אַ ראָווער געפאָהרען אין פאַבריק, איז ער בעפאַלען געוואָ-רען דורך צוויי אונבעקאַנטע, וועלכע זענען אַרויס פון וואַלד און איהם דערלאַנגט מיט אַ שטעקען איבער'ן קאָפּ. די אָנפאַלער האָבען איהם רעווי-דירט, זוכענדיג ביי איהם געלט. דעם פערהלשטען סוויטקאַ האָבען די אַרבייטער געפונען אויפ'ן וועג און מיטגעטיילט דער פּאָליציי, וועלכע האָט פער-אָרדענט אַ נ'אָבלאַווע. דערווייל האָט מען קיינעם נישט געכאַפּט.

מינדעריעהריגע פערברעכער

(2) ווי מיר דערוויסען זיך וועט בקרוב ער-שיינען אַ פעראָרדנונג פון יוסטיץ-מיניסטעריום וועגען דער פאָר-אַרעסט פאַר מינדעריעהריגע פערברעכער. די דאָזיגע פערברעכער וועלען נישט איינגעזעצט ווערען אין די אַלגעמיינע טור-מע-קאַמערען, נאָר פאַר זיי וועלען בעשטימט ווע-רען בעזונדערע קאַמערען.

שטראָפען

(2) דאָס אינערן-מיניסטעריום האָט שוין פער-עפענטליכט די פעראָרדנונג וועגען בעפולמעכטיגען אַרויסצולעגען שטראָפען פאַר פערשידענע פערברע-כענס ביז 3 טעג אַרעסט אָדער 50 זלאָטים שטראָף. די דאָזיגע פונקציעס האָבען ביז איצט אויסגעפיהרט די סטאַראָסטעס.

פון געריכט

פאַלשע וועקסלען

(2) אין קרייז-געריכט איז נעכטען בעהאַנ-דעלט געוואָרען דער פּראָצעס געגען דעם 42-יעהריגען שמואל סמיעטאַנאַ, וועלכער איז געווען בעשולדיגט אין פעלשען וועקסלען. צווישען די גע-ליטענע פון די פאַלשע וועקסלען האָט זיך אפילו געפינען אַ אינהאַבער פון אַ ביר-האַלע ביי וועל-כען סמיעטאַנאַ האָט אָפּגעגעסען אַ קאָלאַציע פאַר 15 זלאָטים וועלכע ער האָט בעצאָהלט מיט אַ פאַל שען וועקסעל פון 50 זלאָטים.

די וועקסלען זענען געווען קליינע.

דאָס געריכט האָט פערמשפט סמיעטאַנאַ'ן צו 4 חדשים טורמע.

גע'גנב'עט און ענטלאָפען פון מיליטער

(2) אין מיליטער-געריכט איז נעכטען פאָר-געקומען דער פּראָצעס געגען זעלנער פון'ם 18-טען פיעכאָטע פּולק אין סקערניעוויץ, קלמן גאָלדבערג וועלכער האָט אויף זיין געוויסען עטליכע גנבות און ווערט אויך בעשולדיגט אין פרובען ענטלוי-פען פון'ם מיליטער-דינסט.

דאָס געריכט האָט פערמשפט דעם בעשול-דיגטען אויף 3 יאָהר טורמע.

זעלנער חתונה-געהאַט אהן ערלויבניש

(2) אין מיליטער געריכט איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען באָלעסלאַוו טאַטאַרקעוויטש, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען אין פערלאָזען דאָס מילי-טער אָהן ערלויבניש, און צונעהמען מיט זיך מילי-טערישע מלבושים און אין חתונה האָבען אָהן דער ערלויבניש פון דער מיליטער מאַכט, ער איז פער-משפט געוואָרען אויף 2 יאָהר טורמע.

פּאָליטישע פּראָצעסען

(2) אין קרייז געריכט איז נעכטען פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען משה שוואַרץ, יוסף פשעפיור-קאַ און אברהם מיכאל פויזנער, וועלכע זענען בע-שולדיגט געוואָרען אין קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דער 20 יאָהריגער אברהם פויזנער איז פערמשפט געוואָרען אויף 4 יאָהר אויסבעסערונגס-הויז, דער 18 יאָהריגער משה שוואַרץ אויף 2 יאָהר אַ יסבע-סערונגס-הויז און יוסף פשעפיורקאַ איז בעפרייט געוואָרען.

(2) און זעלבען געריכט איז אויך בעטראַכט געוואָרען דער פּראָצעס פון סטאַניסלאַוו קראָלעוויאַק און 18 יאָהריגען הערש שפיגעל, וועלכע זענען בע-שולדיגט געוואָרען אין פונאַנדערשפּרייטען קאָמו-ניסטישע אויפרופען. קראָלעוויאַק איז פערמשפט גע-וואָרען אויף 17 חדשים אויסבעסערונגס-הויז. שפּי-געל איז פרייגעשפּראָכען געוואָרען.

ענטלאָפען פון זיין ווייב

(–) מיט 4 יאָהר צוריק איז אַוועק פון זיין היים אין בזשעזשין דער טישלער אהרן לייב באַר, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט 5 קינ-דער. באַר האָט די גאַנצע צייט נישט געלאָזט וויסען וועגען זיך, און מ'ווייסט נישט, וואו ער גע-פינט זיך. איצט געפינט זיך די פרוי באַר מיט איהרע קינדער אין אַ זעהר שווערער לאַגע. אפשר וועט זיך איהר מאַן אָפּרופען?

פון וויטאָס'ן ביז סלאַוועק'ן

10 יאָהר פּוילישער פּאַרלאַמענט

די פּאַרלעזונג פון בערנאַרד זינגער

אויף אַנ'אַנדער אָרט אין דעם היינטיגען נומער ברענגען מיר די טעזיסען פון דער פּאַרלעזונג, וועלכע אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט, דער בעקאַנטער זשור-נאַליסט בערנאַרד זינגער וועט דעם שבת האַלב 11 אינדערפריה, האַלטען אין זאַל פון „אררט" שוין פון די טעזיסען איז צו זעהען, אַז די פּאַרלעזונג וועט זיין זעהר אינהאַלטסרייך און אינטערעסאַנט.

ב. זינגער איז אַ גלענצענדער בעאָבאַכטער און קענער פון פּוילישען פּאָליטישען לעבען. אין זיין פּאַרלעזונג וועט ער אַרויסברענגען אַ רייה מאָמענטען געשטאַלטען, פאַקטען, עפּיזאָדען, וועלכע זענען דעם ברייטען עולם אינגאַנצען אומבעקאַנט.

היינט הויבט זיך אָן דער בילעטען-פאָרפער-קויף צו דער פּאַרלעזונג. בילעטען קאָן מען בעקו-מען אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט".

קינסטלערישער פריהמאָרגען

אין פילהאַרמאָניע

ווי מ'טיילט אונז מיט פון דעם פאָלקס-אוני-ווערזיטעט ביי דער געזעלשאַפט „קולטור ליגע" וועלען אין פּראָגראַם פון קינסטלערישען פריהמאָרגען אין פילהאַרמאָניע-זאַל, וועלכער ווערט איינגעאָר-דענט דעם שבת פאַרמיטאָג זיך בעטייליגען פאָלגענ-דע אַרטיסטען: אַרטיסט פון דער ווילנער טרופּע יה' יעקב וויסליץ וועט אויפיהרען אין גרים „דעם משו-גענעם בטלן פון י. ל. פּרץ. די דראַמאַטישע סטודיע „בעגינען" וועט אינסצעניזירען פאָלקס-לידער. די אַרטיסטען יוסף קאַמיען און דינה קאַמיען-קעניג וועלען אויפטרעטען מיט רעציטאַציעס פון שלום עליכם, נאַדיר א. אַנר. און מיט פאָלקס-לידער. די זינגערין נאַריע קאַרעני וועט שפּילען אין אַני-אינאַ טינגען שפּאַס „ראַמען-שפּילקע".

אין „אררט"

גרויסער ערפאָלג פון רעפּרע-זענטאַנץ-פּראָגראַם

אין „אררט" ווערט היינט געשפּילט דער ריזי-גער רעפּרעזענטאַנץ-פּראָגראַם א. נ. „מאַסקאַראַד אויף דער אַלטשטאָט".

דער ראַזינער פּראָגראַם האָט אַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג צוליב דער רייכקייט פון דעם אויסערגע-וועהלטען מאַטעריאַל.

עס געהען די גלענצענדסטע, ערפאָלגרייכסטע נומערן פון דעם סעזאָן.

פון יודישען טעאַטער

אין יודישען טעאַטער אין פילהאַרמאָניע ווערט היינט אינאָווענד געשפּילט די פּיעסע „ווייב און געליבטע" פון אַנשעל שאָר מיט דער אינ-פּערגלייכליכער דזשאַ ווייסמאַן אין דער הויפּט-ראָלע.

מעבעל, שלאָסעריי און שווייסעריי

J. REDER

ŁÓDŹ, Konstantynowska 11

(Róg Zachodniej)

נעהם אָן אַלערלייא שלאָסעריי-אַרבייטען צו בילינע פּרייזען און פּינקטליכע אויספיהרונג.

פּריוואַט-וואוינונג: נדאַנסקאַ 20.

טעלעגראַמען

אימיגראַציע-בעגרענצונגען געהען אַריין אין קראַפט

ניו-יאָרק, 5 (י. ט. א. טעלעגראַפיש). היינט האָט זיך געשלאָסען די סעסיע פון אַמע-ריקאַנער סענאַט. די אָפּשטימונג איבער'ן געזעץ-פּראָיעקט וועגען אָפּהאַלטען אויף יאָהר צייט דאָס איינפיהרען די שאַרפע אימיגראַציע-בעגרענצונגען פון מזרח-אייראָפּאַ, איז נישט פאָרגעקומען, אַזוי-אַרום געהט דאָס געזעץ אַריין אין קראַפט דעם 1. יולי ה. י., אויב פּרעזידענט הובער וועט איהם נישט איינפיהרען פון 1. אַפּריל.

אָנפראַגע צו טראָצקי'ן

מצד דער דייטשער רעגירונג

בערלין, 5 (אַטע). אין צוזאַמענהאַנג מיט טראָצקי'ס ביטע מ'זאָל איהם ערלויבען זיך צו בעזעצען אין דייטשלאַנד, איז דער סאָציאַליסטי-„פאָרוועמרטס" מודיע, אַז די דייטשע רעגירונג האָט זיך געווענדעט צו טראָצקי'ן קיין קאָנסטאַנטינאָ-פּאָל מיט אַנ'אָנפראַגע, צי ער האָט בדעה זיך צו בעזעצען אין דייטשלאַנד אויף שטענדיג, אָדער בלויז צייטווייליג.

שיכור'ער שיסט דריי מאָל אויף אַ קעלנער.

וואַרשאַ, 5 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט) אין רעסטאָראַן פון האָטעל „פּאָלאָניאַ" איז פאָרגעקומען פאָלגענדער פאַל.

דאָרט האָבען געהוליעט אַ קאָמפּאַניע יונגע-לייט, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער מיטאַרבייטער פון לאָדזער „ראָזוואָי" באַר-טאָשעק. אין אַ געוויסען מאָמענט, ווען ב. איז געווען גוט בגילופין, איז נעבען איהם פאַרביי-בעגאַנגען אַ קעלנער. ב. האָט אויסגערופען „דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ יוד", האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און האָט אין קעלנער 3 מאָל אויס-געשאָסען, צום גליק האָט ער נישט געטראָפען.

פּאָליציי האָט וועגען דעם פאַל צונויפגע-שטעלט אַ פּראָטאָקאָל.

שניי-באַרג וואַרפט אַריין אַ צוג אין אַ תהום.

לאָנדאָן, 5. (אַטע) אין שטאַט מאָנטאַנאַ (אַמעריקאַ) איז פאָרגעקומען אַ שווערע באַהן-קאַ-טאַסטראָפע, אַ שניי-באַרג האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף אַ פּאָסט-צוג. 6 וואַגאָנעס זענען אַראָפּגע-פאַלען אין אַ תהום פון 70 מעטער טיף. 3 פערזאָן זענען דערהרג'עט געוואָרען, 10 — שווער פערוואונדעט.

פאָטער ערמאָרדעט זיינע קינדער

און בעגעהט זעלבסטמאָרד

שטאָקהאָלם, 5. (אַטע) אויף אַ קליינער באַהן-סטאַציע האָט פּאַסירט אַ שרעקליכער פאָר-פאַל, אַ באַהן-וועכטער, וועלכער האָט נישט געלעבט בשלום מיט זיין פרוי, האָט ערמאָרדעט זיינע דריי טעכטער, אין עלטער פון 14, 12 און 5 יאָהר און איז דאַן אַליין בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

שרפה אין אַ קינאָ

רוים, 5 (אַטע). פון טראַפּאַן טיילט מען מיט, אַז בעת'ן דעמאָנסטרירען אַ פילם אין אַ קינאָ איז אויסגעבראָכען אַ שרפה. דער עולם האָט זיך אין פּאַניק געוואָרפען צום אַרויסגאַנג. צום גליק איז עס אָפּגעקומען מיט ווייניג קרבנות. איי-נער איז געשטאָרבען פון אַ קלאַפּ, וועלכען ער האָט געכאַפּט אין האַרץ, איבער צעהן פערזאָן זענען פערוואונדעט.

מעלדונגען.

אַלגעמיינער פּראָפ. לאַנדעס-פעראיין פון בעקליידונג אַרב. אין פּוילען, אָפּטיילונג לאָדז, לאַגעווניצקאַ 4.

אַכטונג, דאַמען-בעשטעלטע אַרבייטער!

היינט, מיטוואָך, ד. 6 מערץ 8 אָוונט קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל לאַגעווניצקאַ 4 אַ גרוי-סע פאַך-פערזאַמלונג א. ט. א. 1) די לאַגע אין פאַך 2) אָרגאַניזאַציע. אַלע דאַרפען אומבעדינגט קומען. די פאַך-קאָמיסיע פון דאַמען-בעשטעלט

אַכטונג, פּאָרל-אַרבייטער!

היינט, ד. 6-טען מערץ 8 אָוונט קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל לאַגעווניצקאַ 4 אַ דרינגענדע פערזאַמלונג פון אַלע פּאָרל-אַרבייטער וועגען זעהר וויכטיגע פראַגען.

די פאַך קאָמיסיע פון פּאָרל-אַרבייטער.

פון יודישען טעאַטער

„ווייב און געליבטע", פּיעסע אין 3 אַקטען פון אַנשעל שאָר. טאַמטראַל פון דזשאַ ווייסמאַן

איינער, אַ קלוגער יונג האָט געפּרובט ערקלע-רען דעם פּראָבלעם „ווייב און געליבטע" אויף פאָל-גענדען אופן:

— ווען איך קום אַהיים, זאָגט ער, און טרעף דאָס ווייב אַ פערשמירטע, פערהאָרעוועטע, פער-שוויצטע, רייבען און רייניגען די פּאָדלאָגע, און די פּאָדלאָגע גלאַנצט, אַז עס איז אַ שאָד אויף איהר אַ שפּיי-צו-געבען גלוסט זיך מיר אַ שפּיי-צו-געבען אויף דעם ווייב, און אַ קוש געבען דער פּאָדלאָגע, ווען איך טרעף אָבער דאָס ווייב אַ גלאַנצענדיגע, און אויסגעפּוצטע און די פּאָדלאָגע אַ שמוציגע, גיב איך אַ שפּיי אויף דער פּאָדלאָגע און אַ קוש דער פרוי.

אין די דאָזיגע ווערטער ליגט אַ גרויס שטיק לעבענס-אמת:

אונטער'ן וואָרט פּאָדלאָגע, דאַרף מען דערביי נישט פערשטעהן, די פּאָדלאָגע אין איינענטליכען זין פון וואָרט. דאָס ווייב איז פערהאָרעוועט און פערוואָרגט מיט דעם בעל-הביתישקייט, ביי וועל-כען עס איז נישט פערהאַן דער בעגריף אָפּגעטוען — אָפּגעפּערטיגט — מען דאַרף ווי אַ ראָד, שטענדיג דרעהען: אָפּגעקאָכט — אָפּגעגעסען — אָפּגעוואַשען און ווידער געקאָכט; אויסגערוימט, אויסגעוואַשען און ווידער רוימען און וואַשען — דאָס פּערגעמט צייט, נעמט ווירקט אויפ'ן כאַראַקטער; ווער ווייסט נישט, אַז ביים פיהרען די בעל-הביתישקייט ווערט

די פרוי קליינליך אויסגערעכענט, גוטע ווירטינס דאַרפען דערביי זיין אויך עקאָנאָמע ווירטינס, ווייטער — איז מען אַ מאַמע פון קינדער, און קינדער נעהמען ערשט אַוועק געזונד, יאָהרען און שטימונג.

ביים מאַן ענדערען זיך די בעדינגונגען פון פערהייראַטען לעבען אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס ווערט איהם אָפּט מאָל בעקוועמער דאָס לעבען, עס זאָרגט אויך פאַר איהם דאָס ווייב. און דער מאַן, ווען די פרוי איז פערזינקען אין דעם טאָג-טעגליכען לעבען, זוכט און געפינט זיך „שפּיל פייגעלעך"...

די קלוגע, גוטע, געטרייע אסתר, אין דער פּיעסע „ווייב און געליבטע", וועלכע ווערט איצט געשפּילט אין יודישען טעאַטער דורך דזשאַ ווייסמאַן דריקט אויס דעם גורל פון אַ סך פרויען, זי איז צו ערנסט, צו פערטוען אין הייטישען לעבען, צו איבער-געגעבען דעם מאַן, די קינדער, און דעם לייכטזיניגען מאַן, אפילו פאַר איהר איינגען יונגער טעכטערל איז זי צו שווער, צו ערנסט, זיי זוכען און געפונען „פערוויילונגען", און ווי נאָר מען פּטרט אַרויס די מאַמע און די בעל-הביתטע פון דער היים — ווערט פריילעך... די פרייליכקייט פיהרט אָבער כמעט צו אַ קאַטאַסטראָפע פאַר ביידע שולדיגע.

די סיטואַציע ראַטעוועט ווידער די מאַמע, די צובראָכענע מאַמע, וועלכע פערגעסט אין זיך אין מאַ מענט פון אַ געפאַהר פאַר איהרע נאָהענטע אין זיך און איז ווידער גרייט אויף קרבנות.

דזשאַ ווייסמאַן — אַלס אסתר איז מיט איינ-פאַכע ווערטער נישט צו בעשרייבען; עס איז גענוג צו זאָגען, אַז ערנסטע, נאָר ערנסטע דערוואַקסענע מענער ווייגען, קענען זיך נישט בעהערשען, און ווייגען מיט, מיט דער אומגליקליכער מאַמע פון דעם שטערבליך-קראַנקען קינד, וועלכע מוז זיך דער-ביי האַלטען אַזוי, אַז דאָס קינד אַליין זאָל נישט בעמערקען, אַז עס איז אַזוי געפעהרליך קראַנק, מען ווייגט מיט, מיט דער פערצווייפעלטער מאַמע, וועלכע פערלירט איהר קינד און ווי שטענדיג ביי אַזאַ אומגליק, מאַכט זי זיך פאַרוואורפען, אַז זי האָט נישט אַלץ געטון פאַר דעם קראַנקען קינד עס צו ראַטעווען און אין דער זעלבער צייט רוקט זיך אויף איהר אַ נייע צרה צוליב'ן אומגליק מיט איהר צווייט קינד.

דאָס פּובליקום לעבט דאָס אַלץ איבער צו-זאַמען מיט דזשאַ ווייסמאַן, ווייל דזשאַ ווייסמאַן שפּילט נישט, זי לעבט איבער אַלץ. נאָר אַנ'אמת אויפריכטיגע נעפּיהל-אויסדרוק, קאָן אַרויסרופען אַזאַ ווירקליכען אין די הערצער פון די צושויער. זי איז אין איהר שפּילען אַזוי, נאַטירעל, אַזוי רוהיג, קיין העכער וואָרט נישט, קיין טראַגישע אויסגע-שרייען. זי איז אויף דער סצענע אַזוי היימיש, עס בלייבט דער איינדרוק, ווי זי וואָלט ווירקליך געווען אין דער היים, נישט אויף דער סצענע. אונהיימיש ווערט נאָר דזשאַ ווייסמאַן ווען זי בענוצט די פּאַטעטישע פּראַזע וואָס זענען בעשטימט פאַר'ן אַמערי-קאַנער פּובליקום וועלכעס האָט ליב צו הערען פון דער סצענע אַ מוסר השכל.

אָבער דזשאַ ווייסמאַן קען מען נישט פערגעס-סען, זי לאָזט אַזאַ טיפען איינדרוק, אַז אויך נאָכ'ן שפּילען פיהלט מען, מע טראַכט וועגען איהר, מען מוז וועגען איהר רעדען.

דער אַנסאַמבל ווירקט מיט צום ערפאָלג פון שטיק.

ס.

א פייערליכע פערזאמלונג אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

אין לאָקאַל פון דער היגער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע איז פאַרגעקומען אַ פערזאַמלונג געווידמעט דעם 10־טען יאָהרטאָג פון היסטאָרישען געשעהעניש, ווען די ציוניסטישע פערטרעטער האָבען איבערגעגעבען דעם „ראַט פון צעהן" פון דער שלום־קאָנפערענץ אין פאַריז די פאָדערונגען װעגען ארץ־ישראל.

די פערזאַמלונג עפענט רעפ. ד״ר ראָזענבלאַט, מיט אַ קורצער רעדע, אין וועלכער ער שטרייכט אונטער, אַז דאָס איינלאַדען פון די ציוניסטישע פאָר־שטעהער דורך דעם ראַט פון דער שלום־קאָנפע־רענץ האָט בעוויזען, אַז מען האָט זיך אָנגעהויבען צו רעכענען מיט דעם יודישען פאָלק ווי אַלס מיט אַ וועלבסטשטענדיגען „צד" אויף דער פאָליטישער אַרענע.

דער צווייטער רעדנער ה' לימאַן (העברעאיש) ווייזט אָן אויף די היסטאָרישע בעדייטונג פון דעם טאָג, ווען די אויסערליכע וועלט האָט אונז אָנער־קענט אַלס פאָלק וועלכעס שטרעבט צו אויפלעבונג, צו גלייכבערעכטיגונג מיט אַנדערע פעלקער.

צולעצט האַלט אַ לענגערע רעדע ה' ־רער. אונגער, ער זאָגט: די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען אַן אויסדרוק פון דער ציוניסטישער בעווע־גונג, אָבער זי איז געווען אַן אַקט נאָר פון איין־איינציגער מלוכה. דאָס געשעהעניש אין פאַריז האָט דעריבער אַ בעזונדערע בעדייטונג, אַלס ווייטערער טעאַפּ אין דער יודישער אויפלעבונגס־בעוועגונג. ווייל דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען פערטרעטער פון כמעט אַלע מלוכות. מען האָט גערעדט מיט די ציוניסטען אַלס פערטרעטער פון יודישען פאָלק, ווייל זיי האָבען געפאָדערט אַ יודישע מלוכה, אַ טער־ריטאָריע, וואו עס דאַרף אויפלעבען צוריק די איי־גענאַרטיגע יודישע קולטור. אויך פריהער זענען גע־ווען איינצעלנע אַרויסטרעטונגען לטובת דעם יודישען פאָלק, אָבער דאָס זענען געווען נאָר טיילווייזע פאָ־דערונגען (בשעת'ן בלוט־בלבול אין דמשק, אויפ'ן בערלינער קאָנגרעס א.א.וו.) ביז עס איז געקומען הערצל און האָט אַוועקגעשטעלט די שטאָלצע פאָ־דערונג װעגען אַ יודישען מלוכה־וועזען און אַז די יודישע פראַגע מוז ענטשיידען ווערען דורך די פעל־קער אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. דער ציוניזם האָט אויפגעהויבען דעם קאַמף פאַר די יו־דישע רעכט און אין פאַריז האָבען מיר געפאָדערט אונזערע רעכט. דער רעפערענט שילדערט דאַן אויספיהרליך די פאָרגעשיכטע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דער אַרויסטרעטונג פאַר דעם „ראַט פון צעהן" פון דער שלום־קאָנפערענץ בית דער ראַטיפיקאַציע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע דורך די פעלקער אין סאַן־רעמאָ. ה' אונגער שטרייכט אונטער, אַז די פערברייטערונג פון דער „יודישער אַגענץ" דורך צוציהען די ברייטע יודישע קרייזען צום גרויסען אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל איז אַ ווייטערער עטאַפּ צו אונזער ציל און פערענ־דיגט: מיר זאָגען דעם יודישען פאָלק: קיין חלום איז עס שוין נישט, ועהט אָנשטרענגען אַלע כוחות, כדי ד יגרויסע דערגרייכונגען אויפ'ן וועג פון אונזער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג זאָל נישט צונישט ווערען..

מיט'ן נעזאַנג פון התקוה ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען.

MŁODA PANIENKA
ukończywszy kurs buchalterji i pisząca na maszynie poszukuje posady, bezpłatnie. Łask. of. do Adm. nin. pisma pod „Uczciwa"

יורידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג גיט די רע־דאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" ענטפערען אויף יורידישע פראַגען, וואָס ווע־רען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאָן.

יורידישע אָפּטיילונג
פון „נייעם פאָלקסבלאַט".

בײַם דערלאַנגען אַן אָנפראַגע אויף אַ יורידישע עצה, דאַרף צוגעלייגט ווערען דער קופאָן מיט דער דאַטע פון טאָג, ווען די אָנפראַגע ווערט אַריינגעגעבען. אויף אָנפראַגען אָהן קופאָן, וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

8906. ב. ס.

מען קאָן אַוועקשיקען נאָך רוסלאַנד פּאַקעטען און געלד אויפ'ן גרונד פון ספּעציעלע פּושעקאַזען. אַזעלכע קאָמפּלעטען פאָרמולאַרען בעקומט מען אין יעדער פּאָסט־אָפּטיילונג.

8907. פּראַים ג.

פאַר דער שטראָף, וואָס דראָהט אייך צוליב דער געלד־פערשווענדונג, דאַרפט איהר זיך נישט שרעקען. ערשטענס דערפאַר ווייל ס'איז שוין פער־ביי פינף יאָהר און עס קאָן אַנגעזאָגט ווערען אַ פערעלטערונג.

ווען מען זאָל אייך נאָר אין ערנסטען פאַל יאָ שוין בעשטראָפען, קאָן מען אייך, קוים איז די פּרעטענציע פּ ונגעליטענעם בעפרידיגט געוואָרען, אויך נישט פערמשפּטען אויף לענגער ווי 3 חדשים, וואָס די לעצטע אַמנעסטיע דעקט פולשטענדיג.

8908. אַ שטענדיגער לעזער פון אַלעקסאַנדריי־סקאַ גאַס.

געוויס קאָן מען אויפמאָהנען ביי אייער מאַן אייערע שולדיג־געבליבענע שטייער־חובות פאַר דער צייט, ווען איהר זענט נאָך געווען אַ פריילין, ווענדעט אייך מיט בקשות אין אורושאַנר סקאַר־באָווי און שטייער־אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט, אַז מען זאָל אייך אויסשטרייכען פון די רשימה שטייער־צאָהלער פאַר די יאָהרען, ווען איהר האָט שוין קיין אונטערנעהמונג נישט געפיהרט.

8909. אַ לעזער פון פּאַביאַניץ.

אין פּרינציפּ טאָר מען טאַקע אַליין נישט ענדערען די בעשטימונג פון געדונגענעם לאָקאַל. נישט מעהר, אויב די ענדערונג וועט די אינטערעסען פון הויזווירט נישט פערערגערען, איז קיין רייד נישט וועגען אַן'עקסמיסיע.

וואָס שייך דעם קאָנטראַקט איז ער אָהן אַ צווייפעל גילטיג אין משך פון דער אָפּגערעדטער צייט.

נאָכ'ן אָפּלויף פון געגעבענעם טערמין, וועט איהר זיך קענען ווענדען אין אורושאַנר ראַזיעמטשי מיט אַ בקשה אַז מען זאָל פעסטשטעלען דאָס גרונד־דירה־געלד.

פערשטעהט זיך, אַז וועגרען דאַרפט איהר זיך נאָר אין דעם פאַל, ווען איהר ווילט וועניגער צאָהלען. קוים ווילט איהר אָבער ווייטער צאָהלען לויט'ן קאָנטראַקט דאַרפט איהר זיך נישט ווענדען נאָר ווייטער צושיקען מיט דער פּאָסט די זעלבע סומע דירה־געלד.

8910. טעמפּעל.

דערלאַנגט אַ בקשה, אַז מען זאָל אייך צוליב דער אויסערגעוועהנליכער אָרימקייט בעפרייען פון דער אַרויפגעלעגטער אויף אייך סומע לאָקאַל־שטייער. דער אומשטאַנד, וואָס איהר האָט ביז־אַהער נאָך נישט געצאָהלט קיין לאָקאַל־שטייער גיט אייך נאָך נישט דאָס רעכט צו פערלאַנגען אַז מען זאָל אייך ווייטער נישט בעשטייערען.

מייערזאָוויטש פון ציגעל־גאַס.
ז־טש.
אַ טרייער לעזער פון סמוגאָווע.
אַ קוהלען־הענדלער פון פּיעטריקאָווער.
שטר. פון זגיערזש.
ה. י. פון נאָוואָמיעסקאַ 4.

וועגען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פער־שטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 3—4 מיטבערענגענדיג די צייטונג.

8911. אַ שטענדיגער לעזער פון בזשעזשינער־גאַס.

ווענדעט זיך אין אייער פּ. ק. או.

8912. פּ: צ—ן.

נישט פערהאַן אַזאַ פאָרשריפט אין דער פער־אָרדנונג וועגען אַרבייטס־אָפּמאַכען מיט אָנגע־שטעלטע, אַז אויף אַ 3־חדשימדיגע קינדיגונג האָ־בען דאָס רעכט נאָר די יעניגע אָנגעשטעלטע, וועלכע בעזיצען אַ צייגניש וועגען דורכגעמאַכטע 6־קלאַסיגע שול־בילדונג.

8913. אַ שטענדינער לעזער פון זאַווישע 26.

עס נעהט נישט אין דורכגעפאָרשטעוועטען ווענטעל. קוים פיהרט איהר אַפילו אין זעלבען צי־מער, וואו איהר וואוינט גלייכצייטיג אויך אַ ווערק־שטעל, האָט שוין דער הויזווירט אַ גרונד צו פאָ־דערען דירה־געלד לויט'ן פּראָצענט־פוס פאַר אַרבייטס־לאָקאַלען. אמת, נישט אַלע ריכטער אָנערקענען אַ־זעלכע דירות פאַר אַרבייטס־לאָקאַלען. מעהרסטענ־טייל אָבער רעכענען זיך די ריכטער אין אַזעלכע פאַלען מיט'ן אומשטאַנד, צי דער לאָקאַטאָר האָט אויסגעקויפט אַן'אַרבייטס־פּאַטענט אָדער נישט.

אין ערשטען פאַל, משפּטען זיי צו דירה־געלד פאַר אַן'אַרבייטס־לאָקאַל און צווייטען פאַל ווי פאַר אַ וואוין־דירה.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

נעגעלניאַנאַ 25, טעל. 26-87

ספּעציעל ארצט פאַר הויט און ווענע־רישע קראַנקהייטען. מענער־שוואַכע, עלע ארט צגולינען. בעהאַנד־לונג מיט קווארץ־שטראַהלען.

עמפּ. פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 אָוו.

„אַרטיסט"
זאַכאָדניאַ 43

יודישער קאַמער־טעאַטער
לייטונג: מ. בראָדערזאָן
און ד. בייגעלמאַן.

היינט און טעגליך, 9 אָווענד
1 פאָרשטעלונג

פון 3־שעה'דיגען, גראַנדיעזען שלאַגער־פּראָגראַם
אויף דער
א.נ. **מאַסקאַראַד אַלטשטאָדט**

1. שאַכנע־יאַכנע, 2. מייטער, 3. באַלעבאַטיש, 4) מאָנאָלאָג, 5) וואַסער־טרעגער, 6. מאַסקאַראַד, 7. שמידען, 8. אונזערע קינדער, 9. אַ פּרעהליכס, 10. נאַקטורען, 11. אַלטשטאָדט.

בילעטען צו בעקומען טעגליך פון 7 אין אָווענד, שבת – פון 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

רודאָלף'ס טויט
די טראַגעדיע אין מייערלינג

מערי'ס אויגען זענען געווען טרוקען. עס האָבען איהר געפעהלט טרעהרען און ווערטער, כדי אויסצודריקען איהר וועהטאָג. זי איז געווען ווי בעטויבט. אין קאָפּ האָט זי געשפּירט אַ אומ־געהויערע לעדיגקייט פאַר זיך האָט זי נישט גע־זעהען מעהר ווי נאָר אַ תהום.

אַ געדאַנק... צוגעהען צו יענער שאַפע. דאָרט געפונט זיך די רעטונג. אַ פלעשעלע פערבאָרגען אין די פאַלבען פון אַ שוואַרץ קלייד. אַך! מאַכען אַ סוף צו דעם אַלעמען תיכף אין איין מינוט איי־דער די מוטער מיט די שוועסטער וועלען צוריק־קומען, מיט פערביסענע ליפּען, מיט שווערע טריט האָט זי זיך צוגעשלעפּט צו דער שאַפע.

פלוצים האָט זי אויפגעציטערט. זי האָט דערהערט פון דער נאָהענט עפּיס אַ פערדעכטיגען גערויש.

פון וואַנען קומט דאָס?... פון דאָרט פון פינסטערען ווינקעל הינטער דער שאַפע.

ווער איז דאָרט? – האָט זי געפרעגט.

דאָס בין איך...

זי האָט דערקענט די שטימע פון איהר פע־טער לעאָנידאַס, באַלטאַצי.

– פעטער, – האָט זי אויסגערופען – דו האָסט מיך איבערגעשראָקען. וואָס האָסטו דאָרט געטון. האָסט עפּעס אונטערגעהערט?

– נישט ווילענדיג. אייגענטליך האָב איך זיך בעהאַלטען. עס איז געקומען דער מיניסטער. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אין מיין ענין. מיר זענען דאָך פון היינט אומלעגאַל אין עסטרייך.

באַלטאַצי האָט זיך ווילד צולאַכט.

מערי האָט זיך דערשראָקען. דער פעטער האָט זיך איהר אויסגעוויזען ווי אַ מענש, וואָס איז האַלב אַראָב פון זינען.

אין אמת'ן האָט זיך אויך באַלטאַצי געפינען אין אַ צושטאַנד, וואָס איז נישט געווען ווייט פון משוגעת. מען דאַרף בעמערקען, אַז שוין פון די יונגסטע יאָהרען האָט ער אַרויסגעוויזען סמנים פון אַ נישט־נאָרמאַלען מענש, אָהן אַ שום סבה איז ער שוין אַלס קינד אַנטלאָפען פון פאָטער. ער האָט דעמאָלט געפיהרט אַ אַוואַנטוריסטיש לע־בען, אַ צייט לאַנג איז ער געווען אַקראָבאַט אין אַ צירק. שפּעטער האָט ער געוואָלט ווערען אַנ'־אָנשטענדיגער מענש און האָט חתונה געהאַט. ווען דאָס ווייב איז איהם געשטאָרבען, איז ער גע־וואָרען אַ גלח, דאָס איז איהם אָבער באַלד נמאס געוואָרען און ער האָט אָנגעהויבען שפּילען אין קאָרטען. צום סוף האָט ער געוואוינט צוזאַמען מיט דער פאַמיליע וועטשעראַ.

ער איז קיינמאָל נישט געווען פולשטענדיג נאָרמאַל. מערי האָט אין זיין ליבע שטענדיג ענטדעקט אומגעוועהנליכע טענער, וואָס האָבען זי געשראָקען. זי האָט איהם נישט געקאָנט פאַרוואַר־פען קיין שום אומפּאַסיגען זשעסט, אָבער זיין אי־דעאַליזם צו איהר האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַביסעל פערדעכטיג.

ווען מערי איז ווידער געקומען צו זיך האָט זי זיך אָנגערופען:

– אָרימער פעטער, וואָס האָב איך פון דיר געמאַכט?

– און פון דיר מערי!

– לאָמיר בעסער נישט רעדען דעריבער, פעטער, געה, איך מוז בלייבען אַליין!

– און וועגען וואָס זאָלען מיר רעדען? דיין בחור'ל האָט דיך פערלאָזט – יאָ, גלאָט אַזוי, ווייל ער האָט זיך מיט דיר שוין אָנגעזעטיגט און דאָ זאָגסט דערויף גאָר נישט?!

– דאָס איז נישט דיין זאַך, פעטער.

– ווי אַזוי איז דאָס נישט מיין זאַך?

– דאָס בעציהט זיך אויפ'ן בלוט פון די באַלטאַצי'ס, וואָס אפילו די האַבסבורגער האָבען נישט קיין רעכט אונז צו בעליידיגען.

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט באַלטאַצי צוגע־געבען מיט אַ שטאַרק אויפגערעגטער שטימע:

– מערי, האָסט אַליין מסכים געווען, אַז די מוטער זאָל דיך פערקויפען?

– וו־אַ־אַ־ס? – האָט מערי מיט פּחד ברייט געעפענט די אויגען.

באַלטאַצי האָט זיך ווידער ווילד צולאַכט:

– אָט אין דער מינוט געפונט זיך דיין מי־טער ביים נאָטאַר, וואו דער קרוינפּרינץ צאָהלט איהר פאַר דיר.

מערי איז געווען נישט ווייט פון חלש'ן, זי איז אַנידערגעפאַלען אויף דער קאַנאַפּע.

– דו זאָגסט ליגען, פעטער!

– איך זאָג נישט קיין ליגען, איך ווייס דאָס פון דיין מאַמען. זי איז געגאַנגען אויסקויפען די ליכווע־וועקסלען מיט דער הילף פון הער קרוינ־פּרינץ און דו ליבסט איהם נאָך?

– איך האָב איהם פיינד! – האָט מערי אַרויסגערעדט, אַז באַלטאַצי האָט עס קוים דער־הערט.

– מיין מערי, איך האָב דיך ליב און אַלץ בין איך גרייט צו טון כדי פאַר דיר נקמה צו נעמען. דו ווייסט איך פאָהר איצט קיין באַדען, איך האָב דאָרט אַ רעוואָלווער און...

– וואָס ווילסטו טון?

– אַ קלייניגקייט!... איך וועל אין אָווענד זיין אין מייערלינג און וועל איהם דער'הרג'נען!

באַלטאַצי האָט געוואָלט אַרויסלויפען אָבער מערי האָט איהם צוריקגעהאַלטען.

– אָבער איך וויל נישט... איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט איהם הרג'נען.

– און דו... ליבסט איהם נאָך?

– איך ליב איהם. איך טראָג אין מיין שויס זיין קינד!...

– איצט וועל איך איהם שוין גאַנץ בע־שטימט הרג'ענען.

ער איז אַרויסגעלאָפען, מערי איז געפאַלען חלשות.

עס איז אַוועק אַ פערטעל שעה ביז עס איז צוריקגעקומען פון שטאָדט מערי'ס שוועסטער, אַננאַ. זי האָט געטראָפען מערי'ן ליגען אויף דער ערד מ'האָט באַלד געמאַכט אַ גוואַלד. עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז מען האָט זי גע־קאָנט דערמינטערען און ביז מערי האָט זיך גע־קאָנט דערמאָהנען, וואָס אייגענטליך עס איז פאָר־געקומען.

זי האָט זיך אָבגעגעבען רעכענשאַפט איבער דער גרויסער געפאַהר, אין וועלכער רודאָלף גע־פונט זיך. דער האַלב פערוקטער פעטער איז געמ־ליך געווען פעהיג אויסצופיהרען דעם גרעסטען אומזין און טאַקי צו טון דאָס, וואָס ער האָט געדראָהט. מערי האָט דערפאַר נישט געקלערט קיין סך און האָט תיכף אַוועקגעשיקט איהר שוועסטער צו רודאָלף'ן, אַז זי מוז איהם נאָך זעהען אומבעדינגט היינט.

מערי האָט געוואוסט נאָר איין זאַך, אַז זי מוז פאַר יעדען פּרייז ראַטעווען רודאָלף'ען.

אין וועלדעל ביים וועג קיין מייערלינג האָט דערווייל געלויערט מיט אַ אָנגעלאָדענעם רעוואָל־ווער לעאָנידאַס באַלטאַצי.

געווען איז דאָס דריי טאָג פאַר רודאָלפ'ס און מערי'ס טראַגישען טויט אין מייערלינג.

(ווייטער קומט).

ווי אזוי ס'זעהט אויס די אריגינעלע צוואה פון קאמאראווער רב,

וועלכע איז פערדרעהט און פאלש איבערגעגעבען געווארען

מיר האבען געהאט געשריבען, אז מיר זענען אריינגעפיהרט געווארען אין א פערדריסליכען טעות בנוגע דער צוואה פון קאמאראווער רב. מיר ברענגען איצט די יודישע איבערזעצונג פון דער אריגינעלער העברעאישער צוואה, וואס געפינט זיך אין די הענד פון אהוואקאט ד"ר דוד קליגנהאפער.

די צוואה פון קאמאראווער רב, וואס לייענט זיך אזוי:

בשם ה' אלקי ישראל עמ"י עש"ו.

יעדער מענש דארף איבערלאזען א צוואה און זי האבען צוגעגרייט, ווי דאס האט געטון אברהם אבינו, אזוי ווי א מענש ווייסט נישט, וואס רעה מארגען וועט ברענגען, האב איך עטליכע מאל געשריבען צוואות. אבער זייט דער צייט ביז היינט האט פיל זיך געענדערט, ווייל איך האב פערלוירען מיין פערמעגען און עס האבען זיך פערמעהרט די עבירות ר"ל. ווייל איך בין איצט קראנק און פיהל, אז די כוחות געהען מיר אויס און ווייס, אז מיינע טעג זענען געצעהלטע, האב איך בעשלאסען אויפצושרייבען א קורצע צוואה. פון היינט און ביז איך מבטל אלע שלעכטע ווערטער און גראנקען. בשעת דער לויה זאלען די מענשען, וואס וועלען קומען צו מיר, נישט רעדען קיין פוסטע רייד, נאר דברי תורה ותפלה און זאגען מעבר יבוק.

א) די, וואס וועלען זיך מיט מיר מתעסק זיין זאלען פריהער זיך טובל זיין אין מקוה און אויך מיך טובל זיין. יערענפאלס זאל מען זעהען, אז די טהרה זאל פארקומען לויט'ן דין.

ב) זיי זאלען נישט רעדען קיין דברי חול און פארגעהען ווי עס שטעהט אין מעבר יבוק.

ג) פאר דער טהרה זאל מען מיך ווארפען אויף דער ערד 4 מאל און זאגען, אז אויב דער נפטר איז חייב סקילה, זאל עס זיין אנשטאט סקילה, דאס צווייטע מאל זאל מען זאגען, אז אויב דער נפטר איז חייב געווען שרפה, זאל דאס זיין אנשטאט שרפה, אזוי זאל מען זאגען 4 מאל כנגד די ד' מיתות בית־דין אז דאס זאל אויך זיין א כפרה דערויף, וואס איך האב פוגם געווען אי די ד' אותיות פון שם הקודש.

אזא צוואה האט אויך איבערגעלאזען דער בראָ דער מגיד, אבער דער פונקט איז ביים קאמאראווער רב נישט אויסגעפיהרט געווארען. — די רעד.).

ד) אנזאגען, אז די קינדער זאלען נישט געהען נאך דער מיטה (אזוי ווענען זיך נוהג אנצואגען די בעלי קבלה, צוליב מיסטישע טעמים — די רעד.).

ה) ווען מען וועט מיך טראגען זאלען מיינע קינדער טיילען צדקה (דא ווערט אויסגערעכענט וויפיל).

ו) אויך יענע, וואס וועלען טראגען די מיטה זאלען פריהער געהען אין מקוה אריין. הערביי זאלען זיי זאגען תהלים, ויהי נועם און יושב בסתר. ווען מען וועט זיך אפשטעלען ביי א בית־המדרש, זאל מען געבען ליכט, וואס זאלען ברענגען בשעת דער שבעה.

ז) מען זאל מיך נישט בעגראבען נעבען מיינע עלטערן, די רבנים. ווייל איך האב מורא. אז דאס וועט זיין פאר זיי א בושה, נאר מען זאל מיך מקבר זיין נעבען מיין מוטער, ווייל איך האף, אז אזוי ווי זי האט זיך פאר מיר געאפפערט ביים לעבען וועט זי מיך אויך בעשיצען מיט איהר חכמה און צניעות.

ה) נעבען מיין קבר זאל מען נישט בעגראבען קיין שום מת, כדי ער זאל נישט מוזען ליידען פון מיינע זינד.

ט) מען זאל מיך נישט אריינטראגען אין א בית המדרש, ווייל איך האב מיר דאס נישט פערדינט. מען זאל אויך נישט זאגען קיין הספד, ווייל איך האב נישט פערדינט קיין שבחים.

י) אויף דער מצבה, וואס מען וועט שטעלען נאך א יאהר, זאל מען שרייבען קיין שום כיבודים נאר „פ"נ יחיאל מיכל בהרב ר' דוד ז"ל", דעם טאג און יאהר פון דער פטירה און נישט מעהר. איך האב מיר מעהר נישט פערדינט.

י"א) אין ערשטען יאהר זאל מען נישט געהען אויף מיין קבר, נאר צינדען ליכט און געבען צדקה. די קינדער זאלען יעדען טאג לערנען משניות און דאווענען פאר'ן עמוד און זאגען קדיש.

י"ב) אין די שבעה־טעג ווען מען וועט קומען דאווענען זאל מען נישט רעדען קיין פוסטע דיבורים נאר לערנען משניות, זאגען תהילים און קדיש. מען זאל נדר'ן פאר מיין נשמה.

י"ג) איך בעט מחילה ביי דער גאנצער שטאט אויב איך האב פאר זיי זיך מיט עפעס פערזינדיגט.

י"ד) הלוואי איך זאל אומקומען אויף קידוש השם, וואלט איך דערמיט מכפר געווען מיינע עבירות. אפשר האב איך צוגענומען ארץ־ישראל־געלד זאלען מיינע קינדער תיכף שפענדען פאר ארץ־ישראל.

ט"ו) נאך מיין טויט הערט אויף מיין פער־אנטווארטונג פאר יעדער זאך, וואס דארף א הכשר און זאל די שטאט אליין אויפפאסען אויף כשרות.

ט"ז) מען זאל זאמלען מיינע כתבים, אז זיי זאלען נישט פערלוירען געהן.

י"ז) מיינע קינדער זאלען ביי געלעגנהייט זא־גען דברי תורה אין מיין נאמען, בפרט אין ערשטען יאהר.

י"ח) ביי יעדער יאהרצייט מיינער זאלען די קינדער געבען צדקה, לערנען משניות און ווען מעג־ליך מאכען א סיום פון א מסכתא.

י"ט) איך האב בעקומען ארץ־ישראל־ערד, וואס מען זאל צעשיטען אין מיין קבר. מיין ווייב און קינדער זאלען נישט שטארק וויינען און שרייען, ווייל דאס וועט מיר גארנישט העלפען און קאן זיי שאדען צום געזונד.

כ) מיין ווייב בעט איך מיר מוחל צו זיין, אויב איך האב זי מצער געווען און וואס איך האב זי נישט פערזארגט און איהר אפילו נישט געגעבען וואס עס קומט איהר פון דער כתובה.

דער קאמעניצער מגיד

דער ערשטער יודישיסט.

(ענדע פון 3־טע זייט).

פון איהם חווק, רופט צו איהם מיט אנ'ערנסטער מינע: „רעד אויף דער היילינער שפראך!" איהר פערוואנדערט אייער ויגענד, אייער ענערגיע אומזיסט. אויף פוסטע זאכען. דאס פאלק הערט אייך נישט אז וועט אייך נישט הערען.

שוין לאנג האט ער באמבארדירט מיין העב־רעאישע פעסטונג, ער האט געשאסען מיט שפיציגע און ניפטיגע פאלקס־ווערטלעך. זיין יודיש איז געווען רייך, בוניג, פארביג און זאפטיג.

מכבי האט דאן אויף מיר קיין איינדרוק נישט געמאכט מיט זיין העפטיגער געגנערשאפט צו דער בעוועגונג: פון דער תחית־השפה. דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפראך, אין וועלכער איך בין געווע ןפערליבט, ווי ער אין יודיש, איך האב איהם נישט געקאנט איבערצייגען, אז ער דאט זיך דאז נאר לעכערליך געמאכט אין מיינע אויגען מיט זיינע היטקענדיגע בעווייזען און פערגלייכען.

מכבי האט געשעפט זיין בילדונג און וויסען נאר פון די העברעאישע קוואלען. קיין פרעמדע שפראכען האט ער נישט געקענט. אבער גייסטיג פריי האט ער זיך בעוועגט נאר אין די גרעניצען פון דער יודישער שפראך. זיין העברעאישער געדאנק האט געפונען זיין ריכטיגען אויסדרוק, זיין תיקון, נאר אין יודיש, איהם האבען קיינמאל נישט גע־פעהלט קיין ווערטער פאר זיינע גייסטיגע בעדער־פענישען, וועלכע זענען געווען נישט ווענינ. ער האט נאר נישט געקענט פערשטעהן, ווי קאן מען אונטער־שאצען דעם וואונדערבארען אוצר פון דער פאלקס־שפראך. און ווי קאן מען רעדען צום פאלק נישט אין זיין שפראך.

מכבי איז געווען דער ערשטער יודישיסט. בעפאר נאך דאס ווארט איז געשאפען געווארען.

מכבי איז א פאר יאהר ארומגעפאהרען פון די מאסקווער חובבי־ציון אין די יודישע שטעט צו האלטען דארט זיינע פלאם־פייערדיגע ציוניסטישע דרשות. קורץ נאכדעם האט איהם דער לארד סווייט־לינג געבראכט קיין לאנדאן, וואו ער האט איהם אנ־געשטעלט אלס מגיד פאר די מזרח־אייראפעאישע יודען אין לאנדאן. איך האב איהם, זינט מאסקווע, מעהר קיינמאל נישט בעגעגנט, נאר איך האב גע־לייענט און געהערט, אז מכבי איז געווארען, גלייך ווי לארד סווייטלינג האט איהם אנגעשטעלט, א פערברענטער געגנער פון ציוניזם, און אזוי, אלס געגנער, האט ער עפענטליך גע'דרשנ'ט. ער האט זיך אין לאנדאן אויפגעפיהרט שטרענג רעליגיעז און וועהר פאנאטיש.

מיט א קורצער צייט צוריק איז ער נפטר געווארען. זיין אמת'ן ווערט און מערקווירדינקייט האט נאך קיינער נישט געשילדערט.

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-44

קרענקהייטען פון די ביינער. גלידער.
פערקריפטען פון די לייצעם און גלידער.

אורטאפעדישע ...

Dr. med.

B. Robinzon

אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען.

פעטריקאווער 10, טעל. 31-86

נעמט אן פון 8—9½ פריה און פון 3½—4½ נ.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ.

אנשעל שאר'ס אמעריקאנער יודיש טעאטער

גאסטראלען פון דער וועלט־בעריהמטער אמעריק. קינטלערין

דארא ווייסמאן

היינט, מיטוואך, דעם 6-טען, 9 א זייגער אווענד

אונזער גרויסער גאסט דארא ווייסמאן אין אישעל שאר'ס גרויסע אמערי־קאנער און וואשאווער סענסאציע

ווייב און געליבטע

2 יאהר געשפילט אין אמעריקא, 102 מאל אין קאמינסקי'ס טעאטער אין ווארשא.

אכטונג! די פארשטעלונגען הויבען זיך אן פינקטליך 9 אווענד און 4 נאכמיטאג. נאכ'ן 3-טען קלונג, וועלען די טהירען פאזיטיוו געשלאסען ווערען.

ס'נעמט אנטייל (לויט א.ב.) פריוען: בעזמאן, באריסאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קארעני, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, איזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמינ.: מ. ארנוואלד. מוזיק. לייטער: ל. זעלמאן. בילעטען אין פילהארמאניע-קאסע.

Dr. DONCHIN

מאניושקי 1, טעלעפאן 97-9

ספעציאל־ארצט פאר אויגענקראנקהייטען

נעמט אן טעגליך פון 10—1 מיטאג און 4—7 נ.מ.

זונטאג פון 10 ביז 1 בייטאג.

דער שווארצער וואלף

(ראמאן). 74)

די מעשה האט אבער צו לאנג געדויערט, און געבראכט צו אומגעוואונשענע רעזולטאטען.

די געגנער, וואס זענען מבולבל געווארען פונ'ם פלוצלינגען איבערפאל, זענען דערווייל גע־קומען צו זיך, און איידער וולאדעק האט זיך בע־וויזען פעסט אוועקצושטעלען אויף די פיס, האט זיך עמיצער אין דער פינסטער א ווארף געטון אויף איהם מיט'ן גאנצען קערפער, און זאלבענאנד זענען זיי ווידער אנידערגעפאלען אויף דער ערד.

אין משך פון עטליכע מינוט האבען זיי זיך געראנגלט, געקלאמערט איינער אין צווייטען, און וולאדעק האט זיך געשלאגען אויף בלינד, ווילד ווארפענדיג מיט די הענד און פיס.

אבער אויך איצט, אז איין פאליציאנט איז שוין געווען נישט קאמפס-פעהיג, זענען דא פער־בליבען איינינע ענטקעגען איינעם.

אין צארן פון יאוש האט ער זיך אויף א רגע ווידער בעפרייט פון זיי, און זיך געהאט דערנעהנ־טערט אויף עטליכע שריט צום ארויסגאנג.

די אנפאלער זענען אבער ווידער אריבער צו אנ'אטאקע, איהם ווידער אנידערגעווארפען, און ס'האט זיך אויפסניי אנגעהויבען א פערביטערטער קאמף אויף דער פאדלאגע.

וולאדעק האט זיך געשטיקט, און די כוחות האבען איהם אנגעהויבען צו פערלאזען.

צוזאמענגעהמענדיג די לעצטע רעשטלעך ווי־לען און קראפט, האט ער זיך אפגעשלאגען, ווי א טיגער, ארבייטענדיג מיט די הענד, פיס, ציינער, קאפ און נעגעל.

ער האט זיך ווידער אויפגעהויבען אויף די קניע, ארפגעשאקעלט פון זיך יענעם, וואס האט זיך אנגעזעצט אויף זיין פוס, און שאקלענדיג זיך האט ער מכבד געווען מיט עטליכע מורא'דיגע קלעפ אין פנים דעם צווייטען אנפאלער, וועלכער האט איהם געהאלטען מיט ביידע הענד פאר דער ברוסט.

אינסטינקטיוו האט ער געפיהלט, אז דאס איז פאפינא, און א ווילדער נחת האט איהם ארומגע־נומען, ווען די הענד פון דעם דאזיגען אויסוואורף האבען זיך פונאנדערגעקלאמערט.

ער האט זיך אויף א ווייל פארגעשטעלט, אין וואס עס האט געקאנט פערוואנדעלט ווערען דאס פנים פון דעם באנדיטען־אנפיהרער נאך זיינע קלעפ, און ער האט זיך הייזשעריג פונאנדערגעלאכט, שי־טענדיג ווייטער אין דער פינסטער מיט קלעפ.

אז ער האט זיך ענדליך בעפרייט, איז ער ארויסגעלאפען פון דער ביבליאטעק, האלטענדיג זיך קוים אויף די פיס, פיהלענדיג, אז דער קאפ געהט איהם כאדאראם.

ער איז ארויסגעלאפען אין קארידאר, און נישט טראכטענדיג וועגען דעם וואך־פאליציאנט, וואס האט געשאסען צו איהם אין גארטענדעל, האט ער בעעפענט די טיר און איז ארויסגעלאפען אין דרויסען.

די דריי קוילען, וואס זענען געווען געצילט צו איהם האבען געהאט אויף איהם די ווירקונג פון א קנאקענדיגער בייטש, אריינגעגאסען נייע קראפט אין זיינע פיס, וואס זענען געלאפען איבער די פערפלאנטערטע אלעען פון גארטען.

קיין איין קויל האט איהם נישט אנגעיאגט.

די פערפאלגער האבען זיך שנעל פערפלאנ־טערט אין דער פינסטער, און וולאדעק האט אם לויפענדיג עטליכע שריט, זיך אפגעשטעלט אויף א ווייל און מיט פערגעניגען אפגעכאפט דעם אטעם.

ער איז צוגעלאפען צום פארקאן, וועלכען ער איז פלינק און געשיקט איבערגעשפרונגען.

אין גאס האט מען איהם בעמערקט, און עס האט זיך דערהערט א ווארענונגס אויסגעשריי:

מען האט איהם בעמערקט...

ער האט שארף א קירעווע געטון אין דער אנדער זייט, און איז ווייטער געלאפען.

דאס קלאפען פון שנעלע טריט האט איהם נאכגעיאגט איבער דער גאס, און אויף א וויל איז א שרעק איהם בעפאלען: איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ער הערט הינטער זיך דעם גע־רויש פון א מאטאר.

ער האט זיך אבער פלינק בעהערשט, און איז ווייטער אימפעטיג געלאפען, פערקירעווענדיג אפט אין די רוגען, און פערווישענדיג הינטער זיך די שפורען מיט געניטקייט און געשיקטקייט, וואס די כיטרעסטע חיה וואלט איהם געקאנט מקנא זיין.

ענדליך, האט ער בעשלאסען, אז די געפאהר איז אדורך, און ער האט פער'פאמעליכט דאס לויפען.

די מוסקולען האבען איהם וועה געטון פאר מידקייט, און די פיס האבען זיך קוים בעוועגט.

ער האט גע'חלש'ט אוועקזעצען זיך אינ'ער־גיץ אפרוהען, און פערגעסען אין אלץ אויף דער וועלט...

ער איז אבער געגאנגען ווייטער, איילענדיג זיך צום אנגעמערקטען ציל.

(פארטזעצונג קומט)

בעקאַנטמאַכונג!

אין מיין ערשטקל. הערן- און דאַמען-פריזיער-אַנשטאַלט

12 פּאָלודניאָווא 12

M. KUPKA

זענען די פּרייזן פון שערן און ראַזירן ערמעסיגט געוואָרן:

אין מענער-סאַלאָן:		אין דאַמען-סאַלאָן:	
ראַזירען	40 גר.	שערען דאַמען	80 גר.
שערען	80 .	אייזען- און ה-סער-אָנדולאַציע	פון 1 זל. אָן
שערען א יונגעל	50 .	קאָפּ-וואַשען מיט	
קאָפּ-וואַשען	50 .	עלעקטר. טרוקען-אַפּאַראַט	1 זל.
עלעקטרישער מאַסאַזש	50 .	מאַניקור	70 גר.

קלוב פון יוד. פרויען-פערבאַנד וו.י.ז.א. כאָשציושקי 21 ארעטע

היינט, מיטוואָך, דעם 5-טען מערץ ד. י., 8.30 אַ זייגער אָוונט, וועט אויפ'ן וועכענטליכען טעע-אָוונט

ה' ד"ר ווילהעלם פּאָלעק

פאָרלעזען „עגזאָטישע לעגענדעס".

איינגאַנג פאַר מיטגלידער און איינגעפיהרטע געסט - פריי! 4785

וואָרנונג!

אַזוי ווי ס'האָבען זיך בעוויזען אין שטאָט פערשידענע נאָכגעמאַכטע פעלד-בעטען, מאַך איך בעקאַנט דאָס געעהרטע פובליקום, אַז די

עכט-פּאַטענטירטע **בעטען** עכט-פּאַטענטירטע

זענען פערזעהען נאָר מיט דער שוץ-מאַרקע

PALMA-PATENT

פאַר וועלכע מיר זענען פעראַנטוואָרטליך ביז 3 יאָהר.

— צו בעקומען אין אַלע געשעפטען. —

אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל

ניקעל-בעטען, אַמעריקאַנקעס,
ניקעל-קינדער-בעטען, קינדער-וועגעלעך,
טיש-בעטען, קינדער-בענקעלעך
מעטער-מאָס, אויף רעדלעך.

מאַטראַצען

געבעטע, שאַטקאָווע און קאַנאַדיסקע

קאָזעטקעס און טאַפּטשאַנעס

בעמ.: בעטלעך מיט וועבטלעך ווייס און ברוין 17 זל., פּאָלאָווע-בעט. 14 זל.

רעעלע בעהאַנדלונג. פאַבריקס-פרייזען. זעמטליכע רעפּאַראַטורן.

הורט לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85. דעטייל

Dr. med. ALBERT GOTLIB

פּיעטריקאָווער 26,

טעלעפאָן 50-77.

אַקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען-קראַנקה.

נעהמט אָן פון 4 ביז 7 אָוונד. 340

Dr. med. A. Uryson

אינערליכע קראַנקהייטען

ספּעציעל מאָגען, דאַרם און לעבער-קראַנקהייטען

קאָנסטאַנטינער 20. טעל. 35-85

נעמט אָן פון 3 ביז 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג

Dr. med. W. EYCHNER

גינעקאָלאָג-אַקושער

זגערזשער 11.

טעל 34-72

נעמט אָן פון 6—8 אָוונד

Dr. ADAM GROSGLIK

Al Kościuszki 27

tel. 51-76,

הויט- און וועגערישע קראַנקה. רענטגען און ליכטהייל אינגט. נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונט

Dr. med. H. LAJCHTER

צאָהן-כירורג

דזיאָסלע-, קין-, גימען-, און צונג-קראַנקהייטען.

Konstantynowska 9.

telefon 49-66

od $1^1/_2$—5 po poł. 4604

גרעטגעגנהייטליך צו פערקויפען אַ געוועלב איינריכטונג צו ערפאַהרען פּיעטריקאָווער 81, פינטשעווסקי אין געוועלב, אויפ', הויף פון 12—2 נאָכמ.

אַ פריזיער-געשעפט

אין צענטרום שטאָט געלעגענהייטליך אין פרייז-ווירדיג זאָפאָרט צו פערקויפען. די אַדרעס צו ערפאַהרען אין אַדמינ. פון „נייעם פאָלקסבלאַט"

אַ ריכטעווער

און אַ געהילף צו אַ שטעפער ווערט זאָפאָרט געזוכט אויך אַ יונגעל באַלד געצאָהלט. לוטאָמירסקאַ 5 ביי מאַריינע.

האַנדנייהערס

צו מענער-מאַגאַזין ארבייט

ערשטע סאָרט ווערען געזוכט.

ביי ליכטאַזש

ווסכאָדניאַ 43.

אַ עלעגאַנט מעבלירט

קאַוואַליר-צימער

מיט אַ געגצליך בעזונדערען איינגאַנג ווערט געזוכט געגען גוטער בעלוינונג. אָפּפערטען אין אדמ. „נייער פאָלקסבלאַט" פאַר „Kawaler"

אַ גוטען

קאַראַקול-פּאַלטאָ

אין בעסטען צושטאַנד, 115 צענטימעטער די לענג, וויל איך קויפען.

אָפּערטען אַבצוגעבען אין אדמ. אונטער ליטערע „W" ביז'ן 10. מערץ ד. י. 4797

וויכטיג פאַר ווירטשאַפט

קאָכס

די רעהרען אויפצוטייען איז נישטאָ, אָבער ביליג טרוקען ברזשאָזאָווע האָלץ בעקומט מען אין האָלץ-סקלאַד

17 זשעראָמסקי 17

אַ שותּף

צו אַ געשעפט אויף נאָוואָמיעסקאַ גאַס מיט אַ קאַפּיטאַל ווערט געזוכט.

די אַדרעס צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט".

השבת אבדה.

געהענדיג דאָנערשטאָג דורך פּאָלודניאָווע ביז פּיעטריקאָווער, האָב איך פערלוירען אַ פּעקעל מיט 4 אַנדענק-פאָטאָגראַפיעס. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אָפּצוגעבען געגען בעלוינונג צו גראָסמאַן, פּיעטריק. 56

AKUSZERKA MASAŻYSTKA

B. JAKUBOWICZ

38 זגערזשער 38.

ערטיילט הילף-געבורטען פּריוואַט און פון דער קראַנקען-קאַסע. כ'נעם אויך אָן אינדערהיים וויזיטען.

די האַנדעלס- און אינדוסטריע-קאַמער אין לאָדז זוכט אויף אַ ביוראָ

אַ גרעסערן לאָקאַל

אין צענטרום שטאָדט.

אָפּפערטען מיט אַ שקיץ און פרייז-אָנגאַבע דאַרף מען בעלעגען אין דער ווירטשאַפטס-קאָמיסיע אויף דער אַדרעס פון 4742

Sp. Akc. „ELIBOR", Kilińskiego 70.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט ערקלער איך דער עפענטליכקייט, אַז דעם 3/3 ה. י. בין איך אַרויסגעטרעטען פון דעם קליינהענדלער-פעראיין (פּיעטריקאָווער 6) און אַריינגעטרעטען אין דעם צענטר. קליין-הענדלער-פעראיין אויף לאָדזער וואָיעוואָודזטווע, זאַוואַדזקאַ 5.

1. ווייצ-פרעזעס פון גאַלאַנטעריע-סעקציע און סערוו.-מיטגליד פון דער צענטראַלע

העניך עהרליך. 4745

לעטשניצע

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און דענטיסטישער קאַבינעט.

זשעזשינער 11, טעלעפאָן 37-63

אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

ד"ר אימיך נאָז, האַלז, אויערן קר.	$4^1/_2$—$3^1/_2$
ד"ר ספּרשנער קינדער-קראַנקה.	11-9 $4^1/_2$-3
ד"ר שיפּמאַן אינערליכע קראַנקהייטען	12—2
ד"ר לוביטש הויט און געשלעכט-קר.	$12^1/_2$—$1^1/_2$
ד"ר שט.-דגעלד נערוועז און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאָלדבלאַט אויגען-קראַנקה.	$12^1/_2$—$1^1/_2$
ד"ר חיים כירורגישע קראַנקהייטען	2—3
ד"ר בערגסאָן פרויען און געבורטס-הילף	3—4

פיזיקאַ-טעראַפּיע, שפּראַך-שטערונגען ווי שטאַמלען א.א. די פאַקען-שטעלן, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהל. איינ-שפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַצ. אויף זערלאַנג וויזיטען אין שטאָט. אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, אויך פּלעגמע און בלוט

אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרן

א רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר ראָזשינסקי סטאָמאַטאָלאָג

צאָהן-ערצט 10—1 3—6

קינסטליכע צייהן, קראָנען, פּלאָמבען א. א. וו.

די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקה.

פון מענער-שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער.

קאָנסיליום מיט ספּעציאַליסטען פון אורא-לאָגישע און נערוועזן-קראַנקהייטען.

קוואַרץ-לאַמפּ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט קאָסמעטיק.

-- טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד. --

פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט-אָן אַ פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען

אונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.

— בעזונדער וואַרטע-צימער פאַר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקה. בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע.

אַנדזשעיאַ 5, טעל. 59-40

נעמט. אָן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אָוונט.

בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

אַ געהילף-בוכהאַלטער (קע)

אויף שעה'ן, ווערט געזוכט.

אָפּפערטען אָבצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" אונטער ליטערע „S".

א יונגערמאַן

מיט גוטע רעפערענצען צו פערשידענע אַרבייטען,

ווערט געזוכט.

אָנפרעגען אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" פון 1—2 נאָכמיטאָג.

8-וונג קאָלאָניאַל-קליינהענדלער!

מיר מאַכען בעקאַנט, דאָס די פערוואַלטונג פון קאָלאָניאַל בראַנזשע פּיעטריקאָווער 6, איז זונטאָג דעם 3 מערץ 1929 איבערגעגאַנגען אין דער צענטראַלע פון קליינהענדלער-פעראיין זאַוואַדזקאַ 5. אַלע מיטגלידער אין זייערע אַנגעלעגענהייטען קענען זיך מעלדען אין צענטראַלען קליינהענדלער-פעראיין אויף לאָדזער וואָיעוואָודזטווע, זאַוואַדזקאַ 5.

יוסף עהרליך, כענטשינסקי אברהם, טוכמייער משה, גאָלדבערג אברהם, יודעל לייב בענעט, זעליג אייכען, מאַטעל בליכקע.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען- און האַרץ-קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג-זון. אין דערהיים פון 3—5 נאָכמיטאָג.

לעטשניצע

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט

זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי נאָז האַלז, אויערן קר.	10—11 2—5 7—6
ד"ר רוזשאַנער הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאָלדשטיין- אויגען-קראַנקהייטען פּאָלאַק	1—2 7—6
ד"ר יאָסטמאַן נערוועזע קראַנקהייטען	12—2 חוץ זונ.
ד"ר ראָזענצווייג קינדער-קראַנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פּאָפּיערני פרויען און געבורטס-הילף	$1-11^1/_2$ 5-6
ד"ר קאַנטאָר כירורגישע-קראַנקהייט. 4-5 זונ.	1—2
ד"ר ווייסבערג אינ. האַרץ לונגען-קר.	12—1, 6—7
ד"ר סאַמועל רענטגען	10—12 4—6
א. גראָזענטשיק צאָהן-ערצט	3—7
נ. ראָזען צאָהן-ערצט	9—2

צאָהן-בעהאַנדלונג, פּלאָמבירונגען, קראָנען, מאָסטען א. א. וו.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרן

א רענטגען-אינסטיטוט

הייל-אַנשטאַלט פון הויט-קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגען-שטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און האַרבלייכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. אַ קאַרט פאַר שטאַמלער.

אימפּונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.

וויזיט אין דער שטאָט.

ערצט.-קאָסמעטיש. קאַבינעט

פּרט. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5—7 אָוונט

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. אַ חודש מיט אָפּטראָגען אַ היים; אויף דער פּראָווינץ — 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד — 8 זל.

פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך

די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

אַנאָנסען-פּרייז פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב י"ט—24 גר. אין דער ווייס 8 שפּאַלטען

פאַר אַ מילימעטער-שורה: אין טעקסט—40 . . . . . . 60— . . . . . 4 .

נאָכ'ן טעקסט—12 . . . . . . 18— . . . . . 8 .

מיסער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער. אויסל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. אַ וואָרט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufmann.

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.